NYC Human Resources Administration
Department of Social Services

CHILD SUPPORT SERVICES



# טשיילד סופארט האנטבוך

## פאר עלטערן און זארגרעכט

BK-4 (Y)

# אנווייזונגען פאר דעם האנטבוך

## אריינפיר 1

שילדערט די מיסיע פון אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (Office of Child Support Services, OCSS), וואס איז צו מאכן קינדער א פריאריטעט דורך העלפן ביידע עלטערן צושטעלן די עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע וואוילזיין, געזונטהייט, און אוועקגעשטעלטקייט פון זייערע קינדער.

## טשיילד סופארט און פאמיליע געריכט 2

ערקלערט אז די אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס און די פאמיליע געריכט זענען צוויי באזונדערע אגענטורן און וואס זייערע פליכטן זענען.

## פעטשטעלן עלטערנשאפט 4

איינע פון די ערשטע שריט אין די פראצעדור פון טשיילד סופארט איז צו אידענטיפיצירן די קינד'ס עלטערן. ווען עלטערן זענען נישט פארהייראט איינע צום צווייטן, ווערט די מוטער (אויך אנגערופן די געבורט עלטערן) אויסגערעכנט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט, און דער פאטער אדער אנדערע עלטערן קענען ווערן דארט אויסגערעכנט, שפעטער, אדער קענען אידענטיפיצירט ווערן דורך א DNA טעסט.

דער אפטיילונג פונעם האנטבוך ערקלערט:

- פארוואס איר זאלט פעסטשטעלן עלטערנשאפט
- וויאזוי צו פעסטשטעלן עלטערנשאפט

## גיין אין געריכט 8

די קומענדיגע שריט אינעם פראצעדור פון טשיילד סופארט פאר עלטערן אן זארגרעכט איז צו באקומען אן איינלאדנונג פאר א געריכט הירינג, געווענליך די פאמיליע געריכט אין די בארא וואו זיי וואוינען.

דער אפטיילונג ערקלערט:

- וויאזוי איר קענט ברענגען אן אפמאך אין געריכט צו באשטימען אדער טוישן א באפעל
- וואס איר דארפט וויסן איבער אייער געריכט הירינג
- פארוואס איר זאלט ערשיינען ביים הירינג
- וועלכע דאקומענטן איר וועט דארפן ברענגען אין געריכט
- וויאזוי זיך פארצושטעלן אין געריכט
- וויפיל טשיילד סופארט איר קענט ערווארטן צו באצאלן
- וויאזוי עלטערן אן זארגרעכט וועלכע פארדינען ווייניג געלט קענען זיין בארעכטיגט פאר א קלענערע סומע פון טשיילד סופארט
- וואס פאסירט נאך די הירינג

## באצאלן אייער טשיילד סופארט 14

איינמאל איר באקומט א געריכט-באפוילענע טשיילד סופארט פליכט, וועט אייער ארבעטסגעבער זיין געפאדערט צו אראפרעכענען געלט פון אייערע פארדינסטן פאר טשיילד סופארט אדער וועט איר דארפן אליינס באצאלן טשיילד סופארט.

דער אפטיילונג ערקלערט:

- וויאזוי צו צאלן און וואס די סופארט זאמלונג איינהייט (Support Collection Unit, SCU) איז
- וויאזוי צו בעטן א שוועריקייט איבערזיכט
- וואס אייער ארבעטסגעבער איז געפאדערט צו טון
- וויאזוי צו באקומען הילף מיט טרעפן ארבעט
- אויב איר מופט אדער טוישט ארבעט
- אויב איר געבט זיך אריין אלס באנקראט
- אויב איר טיילט געלט אדער געשאנקען פאר די עלטערן מיט זארגרעכט
- וואו די באצאלונגען גייען

עלטערן אן זארגרעכט פארדינטע איינקונפט שטייער קרעדיט 20

זארגרעכט און באזוכן 20

טוישן אייער באפעל ווען אייערע אומשטענדן טוישן זיך 21

ביידע עלטערן מעגן בעטן פון די פאמיליע געריכט צו נידערן אדער הייבן די טשיילד סופארט באפעל אין פאל וואס די פינאנציעלע אומשטענדן טוישן זיך.

דער אפטיילונג ערקלערט:

- וויאזוי איר קענט ברענגען אן ענדערונג אפמאך אין געריכט
- וויאזוי צו בעטן אן ענדערונג אין געריכט
- ווען די עלטסטע קינד ווערט 21
- וואס פאסירט ביי די געריכט הירינג פאר אן ענדערונג
- קאסטן פון לעבן ענדערונג

פראגראמען צו נידערן די חוב פאר עלטערן וועלכע האבן נישט זארגרעכט 24

ווערן אונטערשטעליג מיט באצאלונגען 26

אויב איר באצאלט נישט קיין טשיילד סופארט פאר א שטיק צייט אדער פאר א געוויסע צאל פון שולדיגע באצאלונגען, קענען אדמיניסטראטיווע און אוטאמאטישע ענפארסירונג שריט גענומען ווערן קעגן אייך.

דער אפטיילונג ערקלערט:

- אוטאמאטישע אדמיניסטראטיווע ענפארסירונג שריט
- צוגעלייגטע סומע
- שטייער ריפאנד אפשניט
- לאטערי געווינס אפשטעל
- באנק אקאונט צונעמונג (אויך באקאנט אלץ פראפערטי אויספיר (Property Execution, PEX)
- דרייווער לייסענס סוספענדירונג
- קרעדיט ביורא באריכטונג
- רעפערעל צום NYS אפטיילונג פון שטייער און פינאנץ
- אפזאג נייע און באנייעטע פאספארטן
- אפזאג אדער צייטווייליגע שענקונג פון NYC פראפעסיאנאלע לייסענסעס
- געזעצליכע ענפארסירונג שריט
- פארלעצונג פעטיציע
- אנטיילנעמונג אין עלטערן הילף פראגראם (Parent Support Program, PSP)
- רעפערעל פאר קרימינאלע ליטיגאציע

אפשטעלן די טשיילד סופארט באפעל 32

אין ניו יארק סטעיט, האלטן טשיילד סופארט באפעלן געווענליך אן ביז אייער קינד ווערט 21.

טשיילד סופארט אינפארמאציע/קעיס הילף 34

דער אפטיילונג ערקלערט:

- אנליין ריסאורסעס
- פאסט אדרעסן

אנערקענונג פון עלטערנשאפט 36

איר קענט זען א ביישפיל פון די בויגן וואס ווערט גענוצט צו פעסטשטעלן לעגאלע עלטערנשאפט פרייוויליג אן דארפן גיין אין געריכט.

טשיילד סופארט באפעל ביישפיל 38

איר קענט זען וויאזוי א געריכט באפוילענע טשיילד סופארט באפעל זעט אויס און וואס עס מיינט.

ליסטע פון באדייט פון טשיילד סופארט ווערטער 40

# אריינפיר

יעדע קינד זאל זיך קענען פארלאזן אויף ביידע עלטערן צו באקומען ליבשאפט און הילף. דאס איז ריכטיג אויך אין פעלער וואו די עלטערן וואוינען נישט צוזאמען אדער זענען קיינמאל נישט געווען פארהייראט איינע צום צווייטן. דאס בעסטע איז צו האבן באציאונגען מיט אייער קינד פון געבורט אן, אבער עס איז קיינמאל נישט צו שפעט צו ווערן א פאראנטווארטליכע און געטרייע עלטערן. טייל פון זיין א פאראנטווארטליכע עלטערן איז צו געבן פינאנציעלע הילף פאר אייער קינד אדער קינדער.

אין ניו יארק סיטי, איז די ציל פונעם טשיילד סופארט פראגראם פונעם אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS) צו פארבעסערן די לעבן פון קינדער. אונזער מיסיע איז צו העלפן עלטערן נעמען פאראנטווארטליכקייט פאר די עקאנאמישע אוועקגעשטעלטקייט און געזעלשאפטליכע וואוילזיין און געזונטהייט פון זייערע קינדער. מיר אנערקענען די געוואלדיגע פארדינסט פאר קינדער ווען זיי האבן געזונטע באציאונגען מיט ביידע עלטערן.

ביי OCSS שטעלן מיר צו עטליכע סערוויסעס פאר עלטערן אן זארגערכט (עלטערן וועלכע וואוינען נישט צוזאמען מיט זייערע קינדער). מיר שטעלן צו פראגראמען זיי צו העלפן נאכקומען זייערע טשיילד סופארט פליכטן און זיך ריכטיג אפגעבן מיט זייערע טשיילד סופארט קעיסעס. פאר עלטערן מיט זארגערכט (עלטערן וועלכע וואוינען מיט די קינדער און געבן זיך אפ מיט זיי א מערהייט פון די צייט), העלפן מיר צו טרעפן די עלטערן אן זארגערכט, פעסטשטעלן עלטערנשאפט פון די אנדערע עלטערן, שיקן די איינלאדנונג, העלפן אוועקשטעלן געריכט-באפוילענע טשיילד סופארט און מעדיצינישע הילף, און מאנען און ענפארסירן די באפעלן.

סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט פאר אלע עלטערן אפגעזען פון איינקונפט אדער אימיגראציע סטאטוס. עלטערן מיט זארגערכט וועלכע באקומען טשיילד סופארט באצאלונגען און באקומען נישט קעש הילף, באצאלן א מעסיגע יערליכע אפצאל פו $35 ווען OCSS זאמלט כאטש $500 פון טשיילד סופארט באצאלונגען פאר זיי.

טראצדעם וואס מערסטנס עלטערן אן זארגערכט זענען פאטערס, זענען דא פאמיליעס וואו די פאטער איז דער עלטערן מיט זארגערכט און די מוטער איז די עלטערן אן זארגערכט. אין אנדערע פאמיליעס זענען די זיידע באבע, אדער אנדערע פאמיליע מיטגלידער, די הויפט ערציער און סיי דער פאטער און די מוטער ווערן געערכנט אלס עלטערן אן זארגערכט.

די אינפארמאציע אין דעם האנטבוך איז געאייגנט פאר אלע עלטערן אן זארגערכט. מיר מוטיגן אייך צו ליינען דעם האנטבוך און זיך לערנען איבער אייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן דורכאויס די טשיילד סופארט פראצעדור. די וויסנשאפט וועט אייך העלפן מאכן קלוגערע אויסוואלן און זיך ריכטיג אפגעבן מיט אייערע טשיילד סופארט קעיס צו ערגרייכן די בעסטע רעזולטאטן פאר אייערע קינדער.

אריינפיר

# טשיילד סופארט און פאמיליע געריכט

**אסאך מענטשן מיינען אז פאמיליע געריכט און OCSS זענען טייל פון די זעלבע אגענטור. דאס איז נישט ריכטיג. די צוויי ארגאניזאציעס זענען צוטיילט און האבן אנדערע פליכטן אין טשיילד סופארט פראצעדור.**

- די אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS) איז די ניו יארק סיטי טשיילד סופארט פראגראם. עס איז א טייל פון די ניו יארק סיטי יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (Human Resources Administration, HRA), אן אגענטור אונטער ניו יארק סיטי'ס סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט (Department of Social Services, DSS). OCSS איז אנדערש ווי די געריכט. די געריכט זענען א באזונדערע איינהייט. OCSS פירט אן טשיילד סופארט קעיסעס און באצאלונגען. א טשיילד סופארט קעיס הויבט זיך אן ווען אן עלטערן מיט זארגרעכט געבט אריין אן אונטערגעשריבענע טשיילד סופארט אפליקאציע אדער לאזט וויסן פאר די געריכט איבער זייער אינטערעסע אין זיך איינגעבן פאר סערוויסעס. איינמאל די געריכט געבט ארויס א באפעל, ווערט OCSS אנפירן און איינטיילן די טשיילד סופארט באצאלונגען. אויב עלטערן אין זארגרעכט פאלן צוריק מיט זייערע געריכט-באפוילענע באצאלונגען מיט א באשטימטע סומע אדער פאר א געוויסע לענג פון צייט, ווערט OCSS אוטאמאטיש איינפירן אדמיניסטראטיווע ענפארסירונג שריט צו ארויסבאקומען די שולדיגע באצאלונגען.
- אין ניו יארק סטעיט, איז טשיילד סופארט א געריכט-באזירטע פראצעדור. פאמיליע געריכט איז א טייל פון די ניו יארק סטעיט פאראייניגטע געריכט סיסטעם און געבט ארויס אפיציעלע אורטיילן איבער טשיילד סופארט קלאגעס. זיי רעכענען אריין אוועקשטעלן און טוישן די סומע פון די טשיילד סופארט באפעלן ווען עלטערן בעטן דעם געריכט, אוועקשטעלן מעדיצינישע הילף באפעלן צו צושטעלן העלט אינשורענס פאר קינדער, אוועקשטעלן טשיילדקעיר באפעלן, און אוועקשטעלן באפעלן אויף פאטערשאפט, וואס באשטימט דאס קינד'ס לעגאלע פאטער. ווען געבעטן, קען די געריכט איינפירן געזעצליכע ענפארסירונג שריט אויב אדמיניסטראטיווע ענפארסירונג שריט האבן נישט געהאלפן.

א צווייטע צוגאנג

OCSS האט א אוועקגעשטעלטע אפמאך פראגראם וואס ערלויבט פאר עלטערן צו האבן א געשפרעך מיט אן OCSS קאסטומער סערוויס פארשטייער אינדרויסן פון געריכט איבער די טשיילד סופארט באפעל סומע איידער א געריכט הירינג. מען קען נוצן די אפמאך צו אוועקשטעלן נייע באפעלן אדער צו טוישן אלטע באפעלן. עלטערן וועלכע קומען נאך די פאדערונגען קענען אריינגיין אין אן אפמאך דורך האבן א געשפרעך מיט א טשיילד סופארט ארבעטער. ביידע עלטערן דארפן נישט זיין אויפ'ן טעלעפאן אדער אין באטייליגונג אינעם זעלבן צייט.



- אן אפמאך ווערט צוגעגרייט נוצנדיג די זעלבע געזעצן ווי די געריכט.
- דער אפמאך ווערט אריינגעגעבן אין געריכט פאר באשטעטיגונג און ווערט פארוואנדלט אין א באפעל אויף צושטימונג.
- די געריכט פארלאנגט אז ביידע עלטערן זאלן זיין אנוועזנד ביי כאטש איין הירינג צו פארזיכערן אז זיי האבן פרייוויליג אנטיילגענומען אין דעם פראצעדור און פארשטייען זייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן.
- די פראגראם געבט פאר עלטערן א צווייטע צוגאנג פאר אוועקשטעלן און טוישן טשיילד סופארט באפעלן, וואס זאל נעמען שנעלער און זיין מער פריינטליך צו עלטערן ווי די געווענליכע פראצעדור.



# פעסטשטעלן עלטערנשאפט

פעסטשטעלן עלטערנשאפט גייט ארויף אויף די לעגאלע אידענטיפיקאציע פון די ביאלאגישע פאטער אדער אנדערע עלטערן ווען עלטערן זענען נישט פארהייראט איינע מיט'ן צווייטן. עלטערנשאפט קען ווערן פעסטגעשטעלט אין יעדע צייט איידער דאס קינד ווערט 21. צענערלינג עלטערן קענען פעסטשטעלן עלטערנשאפט אן זייער אייגענע עלטערן'ס ערלויבעניש אדער אונטערשריפט.

## פארוואס איר זאלט פעסטשטעלן עלטערנשאפט

- צו געבן פאר אייער קינד בענעפיטן אזוויי: העלט אינשורענס, טשיילד סופארט, סאושעל סעקיוריטי, מיליטערישע געלטער, פענציע, די רעכט צו ירש'נען פון אייך, און צוטריט צו אייער פאמיליע מעדיצינישע היסטאריע.
- צו האבן ביידע עלטערן'ס נעמען אויף דאס קינד'ס געבורט סערטיפיקאט.
- פאר די רעכט צו בעטן פאר באזוכן אדער קאסטאדי דורך פאמיליע געריכט.
- פאר די רעכט צו ווערן אנגעפרעגט איבער באשלוסן איבער די קינד'ס צוקונפט אויב די עלטערן מיט קאסטאדי קען זיך נישט אפגעבן מיט'ן קינד אדער אויב די קינד האט א מעדיצינישע פראבלעם.

## וויאזוי צו פעסטשטעלן עלטערנשאפט

**פרייוויליגע אנערקענונג פון עלטערנשאפט**

אויב ביידע עלטערן זענען איינשטימיג, קענען זיי אונטערשרייבן אן אנערקענונג פון עלטערנשאפט (Acknowledgment of Parentage, AOP) ווי נאר דאס קינד ווערט געבוירן אדער שפעטער ווען זיי ווילן איידער דאס קינד ווערט 21. אנערקענען עלטערנשאפט אין שפיטאל, גלייך ווען דאס קינד ווערט געבוירן, מיינט אז דער פאטער'ס נאמען וועט גלייך שטיין אויף דעם געבורט סערטיפיקאט. אויב נישט, וועט יענע פראגע אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט בלייבן ליידיג.

נאך דאס קינד גייט אהיים פון שפיטאל, קען עלטערנשאפט נאכאלץ ווערט פעסטגעשטעלט דורך א פרייוויליגע פראצעדור דורך זיך פארבינדן מיט OCSS אדער די ניו יארק סיטי העלט און גייסטישע ריינקייט דעפארטמענט (New York City Department of Health and Mental Hygiene, DOHMH). אויב עלטערנשאפט ווערט פעסטגעשטעלט נאכדעם וואס דאס קינד פארלאזט דעם שפיטאל, וועט די געבורט סערטיפיקאט פאררעכנט ווערן צו אריינגעמען דער פאטער'ס נאמען און, אויב געבעטן, טוישן דאס קינד'ס לעצטע נאמען.

- עלטערן דארפן נישט אונטערשרייבן די AOP אינעם זעלבן צייט.
- עלטערנשאפט קען ווערן פעסטגעשטעלט אפילו איר זענט אין די מיליטער, אין טורמע, אדער אין אויסלאנד.
- אויב איר זענט נישט זיכער אויב איר זענט די עלטערן, זאלט איר נישט אונטערשרייבן די AOP בויגן. פארלאנגט א DNA טעסט פון OCSS און ווארט פאר די רעזולטאטן איידער איר מאכט אזא באשלוס.



- איר זאלט נישט בעטן א DNA טעסט אויב איר האט א טשיילד סופארט קעיס אפן אין געריכט וויבאלד עס וועט ווערן אדרעסירט דורכאויס די געריכט הירינג.

## צוריקציען די אנערקענונג פון עלטערנשאפט (AOP)

- איינמאל די AOP ווערט אריינגעגעבן צום DOHMH, ווערט עס א לעגאלע דאקומענט. אויב איר טוישט אייער מיינונג איבער פעסטשטעלן עלטערנשאפט, דארפט איר גיין אין געריכט אריינצוגעבן א פעטיציע צו צוריקציען די AOP. אויב איר זענט געווען 18 יאר אדער העכער ביים אונטערשרייבן דעם AOP, מוזט איר עס אריינשיקן פריער פון
  - » 60 טעג נאכ'ן אונטערשרייבן די AOP, אדער
  - » 60 טעג נאכ'ן דארפן ענטפערן סיי וועלכע געריכט פעטיציע איבער דאס קינד.
- אויב איר זענט געווען אונטער 18 יאר ביים אונטערשרייבן דעם AOP, מוזט איר עס אריינשיקן פריער פון
  - » 60 טעג נאכ'ן ווערן 18 יאר, אדער
  - » 60 טעג נאכ'ן דארפן ענטפערן סיי וועלכע געריכט פעטיציע איבער דאס קינד אויב מען האט אייך ערקלערט אייער רעכט צו צוריקציען די AOP ביי א פאראהאנדלונג פארבינדן מיט'ן קינד.
- נאך די צייט באגרעניצונגען זענען אריבער, איז די איינציגסטע וועג צו קעגנשטעלן די אנערקענונג פון עלטערנשאפט אין געריכט איז די איפוייזן באוווייז פון שווינדל, צוואנג, אדער באדייטפולע גרייז פון פאקטן. אפילו דעמאלץ, קען די געריכט באשליסן אז עס איז אין דאס קינד'ס בעסטע אינטערעסע נישט צו באפעלן גענעטישע טעסטס און אייך ווייטער אידענטיפיצירן אלס דער פאטער.

## עלטערנשאפט פעסטגעשטעלט אין געריכט

פעסטשטעלן די קינד'ס אנדערע עלטערן אין געריכט קען זיין נויטיג אויב:

- עלטערן קענען נישט צושטימען איבער אונטערשרייבן די AOP בויגן.
- די מוטער איז נאכאלץ לעגאל פארהייראט צו א צווייטן, אפילו אויב זי ווייסט אז איר מאן איז נישט דער פאטער פונעם קינד.
- די אידענטיטעט פונעם פאטער איז נישט זיכער און איינע פון די עלטערן אנטזאגן זיך פון DNA טעסטינג.
- איר זענט אין געריכט פאר א טשיילד סופארט הירינג און עלטערנשאפט איז נאכנישט פעסטגעשטעלט געווארן.

סיי וועלכע פון די עלטערן, אדער DSS אויב די קינדער באקומען קעש הילף, קענען אריינגעבן א פעטיציע צו פעסטשטעלן עלטערנשאפט אין געריכט. איר קענט גיין אין געריכט אריינצוגעבן די פעטיציע אדער גיין אנליין צו ניו יארק סטעיט DIY (טוט-עס-אליינס) בויגנס אויף nycourthelp.gov צו אויספולן א פאטערשאפט (אדער עלטערנשאפט) פעטיציע דורך א רייכע קאמפיוטער פראגראם. איינמאל איר דאונלאוד'ט און שרייבט אונטער די פעטיציע, דארפט איר עס אריינגעבן צום געריכט. קוקט איבער די געריכטס' וועבזייטל אויף nycourts.gov פאר וויזוי אריינצושיקן די פעטיציע (צום ביישפיל, דורך פאסט, פערזענליך, אדער אנליין). איר וועט באקומען א הירינג דאטום און אנווייזונגען איבער וואס צו טון ווייטער.

ווען עלטערנשאפט ווערט פעסטגעשטעלט ביי א געריכט הירינג, ווערט ארויסגעגעבן א באפעל אויף פאטערשאפט און אריינגעגעבן מיט די העלט און גייסטישע רייניקייט דעפארטמענט. די געבורט סערטיפיקאט וועט ווערן פאררעכטן צו אריינגעמען דער פאטער'ס נאמען און צו טוישן דאס קינד'ס לעצטע נאמען אויב עס ווערט געבעטן.

### פיוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי

איינמאל עלטערנשאפט ווערט פעסטגעשטעלט, ווערט די אינפארמאציע ווייטער געשיקט צו די ניו יארק סטעיט פיוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי (Putative Father Registry, PFR); וואס האלט א רעקארד פון לעגאלע פאטערס אינעם סטעיט. מען קען זיך דורכרעדן מיטן PFR איבער פראגעס פון ירושה, אדאפטירונג, אדער סיי וועלכע אנדערע לעגאלע פראבלעמען וועלכע פאדערן צו מעלדן פאר'ן קינד'ס פאטער.

### ביליגערע DNA טעסטינג

- אויב די אידענטיטעט פונעם ביאלאגישן פאטער איז נישט אינגאנצן זיכער, בעט פאר א DNA טעסט. פארבינדט זיך מיט די געבורט רעגיסטראר פונעם שפיטאל וואו דאס קינד איז געבוירן, אדער די OCSS DNA ליניע אויף 929-221-5008. אויב איר גייט אין געריכט פאר א טשיילד סופארט הירינג, קען דער סופארט מאגיסטראט באפעלן א DNA טעסט אויב עס פעלט אויס.
- אויב איר זענט שוין אין געריכט, קענט איר נישט אליינס בעטן פאר א DNA טעסט. עס מוז געבעטן ווערן דורכאויס די געריכט הירינג.
- איר וועט געשיקט ווערן צו א סטעיט--סערטיפייד לאבאטאריע פאר ביליגערע DNA טעסטינג. א ווייכע שטעקן ווערט גענוצט צו נעמען DNA ביישפילן אינעווייניג פון די באקן פון דאס קינד און ביידע עלטערן; די טעסט אין שנעל און ווייטאגלאז.
- איר דארפט נישט גיין צו די לאבאטאריע אויפ'ן זעלבן טאג ווען די אנדערע עלטערן גייט.
- אויב איר זענט אונטער 18, קען די לאבאטאריע פארלאנגען אז איינע פון אייערע עלטערן זאלן קומען מיט אייך.



- רעזולטאטן וועלן געשיקט ווערן צו אייך אויף פאסט אומגעפערום צוויי וואכן נאך די לאבאטאריע באקומט אלע ביישפילן.
- אויב איר באצאלט שוין געריכט-באפוילענע טשיילד סופארט און ווילט א DNA טעסט, מוז די פארלאנג געמאכט ווערן אין געריכט.
- אויב א DNA טעסט ווייזט אויף אז איר זענט נישט די ביאלאגישע פאטער, וועט די באפעל נישט ווערן אפגעשטעלט אויטאמאטיש. עס וועט דארפן פארקומען א געריכט הירינג און מען וועט דארפן מאכן א באשלוס וואס איז אין די בעסטע אינטערעסן פון יד קינד.
- צו באקומען א DNA טעסט אינדרויסן פון די געריכט פראצעדור, וועלן ביידע עלטערן דארפן באצאלן א נידריגע פרייז.



## גיין אין געריכט

טשיילד סופּארט באפעלן זענען לעגאלע דאקומענטן וועלכע ווערן פארענדיגט אין געריכט. סיי וועלכע פון די עלטערן קען אריינגעבן א פעטיציע אין פאמיליע געריכט פאר א טשיילד סופּארט הירינג.

אויב די עלטערן מיט קאסטאדי און/אדער קינד וואס געבט זיך איין פאר אדער באקומט קעש הילף, וועט די סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט (אויך באקאנט אלס די יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע, אדער HRA) אריינגעבן א פעטיציע פאר'ן קינד. עלטערן מיט קעש הילף ווערן פארלאנגט צו מיטארבעטן מיט טשיילד סופּארט כדי צו באקומען פולע בענעפיטס פאר זייערע פאמיליעס.

עלטערן מיט קאסטאדי וועלכע פאלגן נישט אויס די טשיילד סופּארט פאדערונגען קענען:

- האבן זייערע קעש בענעפיטן גענידערט מיט 25%
- פארלירן Medicaid פאר זיך, און
- ווערן אומבארעכטיגט פאר געוויסע רענט הילף פראגראמען

עלטערן מיט זארגרעכט קענען ווערן באפרייט פון מיטארבעטן אויב עס איז דא א "גוטע סיבה," וואס מיינט געווענליך א שרעק פון דאמעסטישע געוואלדטאט.

פאר מער אינפארמאציע איבער טשיילד סופּארט הירינגס, ביטע זעט די אנליין ווידעא אונטער "אפיס פון טשיילד סופּארט סערוויסעס" אויף youtube.com/hranyc.

### וויאזוי איר קענט ברענגען אן אפמאך אין געריכט צו באשטימען אדער טוישן א באפעל

סיי עלטערן מיט זארגרעכט און סיי עלטערן אן זארגרעכט וועלן באקומען די געלעגנהייט אריינצוגיין אין א פרייוויליגע אפמאך איידער'ן ערשיינען אין געריכט. דעם סארט אפמאך איז באזירט אויף די טשיילד סופּארט סטאנדארט אנווייזונגען וואס די געריכט נוצט אבער עס וואלט געווען אדורכגערעדט מיט די עלטערן מיט אן אפיס פון טשיילד סופּארט סערוויסעס (OCSS) קאסטומער סערוויס פארשטייער. עס איז אנשטאט א פארמאלע געריכט פארהאנדלונג און איז געאייגנט צו זיין פריינטליך און בייהילפיג, געבנדיג פאר ביידע עלטערן די געלעגנהייט צו רעדן.

פאר אן אפמאך:

- אן OCSS ארבעטער גרייט צו אן אפמאך לויט די אנווייזונגען און העלפט די עלטערן צאמשטעלן די נויטיגע דאקומענטן.
- די באשטעטיגטע אפמאך פעקל ווערט אריינגעגעבן אין געריכט פאר א הירינג צו ווערן באשטימט.
- געווענליך פעלט נאר אויס צו ערשיינען איין מאל אין געריכט פאר דער סופּארט מאגיסטראט צו קענען זיכער מאכן אז די עלטערן האבן פרייוויליג אריין אינעם אפמאך און צו באשטעטיגן די אפמאך אלס א באפעל אויף צושטימונג.



### וואס איר דארפט וויסן איבער אייער געריכט הירינג

- מען וועט אייך **נישט** פרעגן איבער אייער אימיגראציע סטאטוס אין געריכט אדער סיי ווען דורכאויס די טשיילד סופּארט פראצעדור.
- פאמיליע געריכט איז אפגעטיילט פון קרימינאלע געריכט און אינפארמאציע ווערט **נישט** מיטגעטיילט.
- ווען א פעטיציע פאר עלטערנשאפט אדער טשיילד סופּארט ווערט אריינגעגעבן, וועט איר באקומען א איינלאדנונג, אדער אויף פאסט אדער פערזענליך. עס וועט ענטהאלטן די דאטום, צייט, און לאקאציע פונעם הירינג און אזוי אויך אן איינקונפט און אויסגאבע דערקלערונג פאר אייך צו אויספולן, און א ליסטע פון דאקומענטן וועלכע איר זאלט מיטברענגען מיט אייך צום הירינג.
- פאר בייהילפיגע אינפארמאציע איבער די געריכט פראצעדור און אנווייזונגען אויף וויאזוי צו אויספולן די בויגנס, קוקט איבער די וועבזייטל אויף פאמיליע לעגאלע קעיר: familylegalcare.org, אדער די טשיילד סופּארט ווידעאס אויף youtube.com/hranyc.
- ברענגט די מערסטע אינפארמאציע וואס איר קענט ברענגען איבער אייער איינקונפט און אויסגאבן. א סופּארט מאגיסטראט וועט אויסהערן די עדות פון ביידע עלטערן, איבערקוקן די פארגעשטעלטע אינפארמאציע, און נוצן די ניו יארק סטעיט טשיילד סופּארט אנווייזונגען צו רעכענען די סומע פון די טשיילד סופּארט באפעל.
- עס פעלט נישט אויס צו האבן אן אדוואקאט אין פאמיליע געריכט, אבער איר קענט נעמען איינס אויב איר ווילט. אויב די עלטערן מיט זארגרעכט און/אדער קינד באקומט קעש הילף, וועט אן אדוואקאט זיך באטייליגן כדי צו פארטרעטן די סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט. דאס איז וויבאלד ווען קעש הילף איז אריינגעמישט, ווערט די פעטיציע וואס פארלאנגט טשיילד סופּארט סערוויסעס אריינגעגעבן דורך'ן די סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט, נישט דורך די עלטערן מיט זארגרעכט.

### פארוואס איר זאלט ערשיינען ביים הירינג

- איר זענט געפאדערט אנטייל צו נעמען ביים הירינג. אויב איר קענט נישט אנטייל נעמען, פארבינדט זיך מיט'ן געריכט און בעט פאר די דאטום צו ווערן געטוישט.
- אויב איר געבט נישט אריין גענוג פינאנציעלע אינפארמאציע אדער איר נעמט נישט אנטייל דעריין, קען די סופּארט מאגיסטראט אייך נאכאלץ באפעלן צו באצאלן טשיילד סופּארט דורך ארויסגעבן אן אוטאמאטישע באפעל. וויבאלד אן אוטאמאטישע באפעל איז נישט באזירט אויף אייער פונקטליכע איינקונפט, קען עס אויסקומען צו זיין מער פון וויפיל איר קענט באצאלן.

- איינמאל אן אוטאמאטישע באפעל ווערט ארויסגעגעבן, קענט איר ארייינגעבן א פעטיציע און געריכט עס אראפצוברענגען. ביז דעמאלץ, וועט די סומע פון טשיילד סופארט וואס איר מוזט באצאלן ווי באפוילן דורך די אוטאמאטישע באפעל בלייבן אין קראפט און סיי וועלכע אומבאצאלטע סופארט קען אייך אויסשטעלן צו שטארקע ענפארסירונג שריט.
- אויב איר טראכט אז איר זענט נישט דער פאטער, גייט צום הירינג און בעטן פאר א DNA טעסט.

## וועלכע דאקומענטן איר וועט דארפן ברענגען אין געריכט

ברענגט ווי מער פון די פאלגנדע אינפארמאציע מעגליך:

- דאקומענטן וועלכע ווייזן אייער נאמען און סאושעל סעקיוריטי נומער אדער ITIN ( אינדיווידועלע שטייער באצאלער אידענטיפיקאציע נומער)
- אויסגעפולטע פינאנציעלע אויפדעקונג אפידעיוויט (https://bit.ly/FinDisclosure) וואס איז געקומען מיט אייער איינלאדונג (זעט די OCSS ווידעא, "וויאזוי צו אויספולן די פינאנציעלע אויפדעקונג אפידעיוויט בויגן (טייל 1 און 2)," אויף youtube.com/hranyc)
- באווייז פון אדרעס
- דאס נאמען, אדרעס און טעלעפאן נומער פון יעצטיגע אדער לעצטער ארבעטסגעבער
- העלט אינשורענס קארטל
- באווייז פון איינקונפט און/אדער בענעפיטן:
  - 3 לעצטע פעי-סטאבס
  - W-2 בויגן
  - בריוו פון אייער ארבעטסגעבער וואס באשטעטיגט ארבעט און געהאלט
  - קאפיע פון לעצטע שטייער ריטורן מיט בייליגעס
  - סאושעל סעקיוריטי אדער אנדערע דיסאביליטי בענעפיטן
  - ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן
  - באנק סטעיטמענטס
  - באווייז פון סיי וועלכע אנדערע קינדער אדער געוועזענע מאן/ווייב וועמען איר האלט אויס
  - באווייז פון הויזגעזינד און ביזנעס אויסגאבן, אומבאצאלטע בילס, און הלוואות

*פאר מער איינצלהייטן איבער די אינפארמאציע וואס די געריכט פארלאנגט ביי אייער טשיילד סופארט הירינג, גייט צו familylegalcare.org. איר קענט אויך שיקן אן אימעיל צו OCSS אויף dcse.cseweb@dfa.state.ny.us מיט אייערע פראגעס אדער צו בעטן א טעלעפאנישע אפוינטמענט. שרייבט אייער טעלעפאן נומער, קעיס נומער, פראגעס, און די בעסטע צייט אייך צו רופן און אן OCSS קאסטומער סערוויס ארבעטער וועט זיך פארבינדן מיט אייך.*



## וויאזוי זיך פארצושטעלן אין געריכט

דורכאויס די געריכט הירינג, ווילט איר אז דער סופארט מאגיסטראט זאל אויסהערן וואס איר האט צו זאגן. אויב איר ווילט מען זאל אייך נעמען ערנסט, מוזט איר ווייזן רעספעקט פאר די געריכט:

- קומט אין צייט.
- טראגט פאסיגע קליידונג אזוויי לאנגע הויזן און א העמד מיט א קאלנער און ערמל.
- זייט גרייט מיט א ליסטע פון וויכטיגע זאכן וואס איר ווילט זאגן.
- רעדט ווען עס איז אייער רייע צו רעדן.
- רעדט נישט דירעקט צו די עלטערן מיט זארגרעכט.
- זייט דירעקט און צום פונקט ווען איר רעדט וויבאלד די צייט איז באגרעניצט.

## וויפיל טשיילד סופארט איר קענט ערווארטן צו באצאלן

די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט סטאנדארטן געזעץ (Child Support Standards Act, CSSA) באשטימט די באזע טשיילד סופארט סומע אויף א באשטימטע פראצענט פון די עלטערן'ס איינקונפט. נוצן די פראצענטן פארזיכערט אז קינדער קענען געניסן פון די זעלבע לעבנס סטאנדארט וואס זיי וואלטן געהאט אויב זייערע עלטערן וואלטן געוואוינט צוזאמען. דער פראצענט ווערט גענוצט פאר אלע פעלער אין וואס די עלטערן'ס צאמגערעכנטע פארדינסט שטייגן נישט איבער $163,000. פאר צאמגערעכנטע איינקונפט העכער פון $163,000, קען דער סופארט מאגיסטראט באשליסן אויב צו נוצן די פראצענט אנווייזונגען אדער נישט און קען זיך רעכענען מיט אנדערע אינפארמאציע ביים באשטימען די פולע סופארט סומע.

איר קענט גיין צום OCSS וועבזייטל אויף nyc.gov/hra/ocss צו באקומען אן אפשאצונג פון אייער טשיילד סופארט געריכט באפעל. נוצט דער טשיילד סופארט רעכענער (קאלקיולעיטאר).

**וויאזוי די סומע פונעם באפעל ווערט אויסגערעכנט**

די באזע סופארט סומע איז א פראצענט פון אייער גראס איינקונפט נאך מען רעכנט אראפ ניו יארק סיטי שטייערן, סאושעל סעקיוריטי און Medicare אראפרעכענונגען, און סיי וועלכע קינדער אדער מאן/ווייב סופארט וואס ווערט אייגנטליך באצאלט פאר אן אנדערע פאמיליע. עס ווענדט זיך אויף וויפיל קינדער זענען אריינגערעכנט. איינקונפט קען זיין געהאלט פון אן ארבעט, ארבעטער'ס פארגוטיגונג, דיסאביליטי באצאלונגען, ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן, סאושעל סעקיוריטי, באצאלונגען, און פיל אנדערע סארטן איינקונפט. קעש הילף און SSI ווערן נישט גערעכנט אלס איינקונפט.

| # פון קינדער | % |
|---|---|
| 1 | 17% |
| 2 | 25% |
| 3 | 29% |
| 4 | 31% |
| 5+ | 35% מאקס |

*צום ביישפיל, אויב איר פארדינט $35,000 א יאר נאכ'ן אראפרעכענען אלעס וואס CSSA ערלויבט, און האט איין קינד, וועט די באזע טשיילד סופארט באפעל סומע זיין אומגעפער $115 א וואך. פאר צוויי קינדער אין די זעלבע פאמיליע, וואלט די באפעל געשטיגן צו $168 א וואך.*

אין צוגאב צו די באזע פליכט סומע, מוז די טשיילד סופארט באפעל אויך ארייננרעכענען מעדיצינישע הילף. מעדיצינישע הילף גייט ארויף אויף העלט קעיר קאסטן פאר'ן קינד אזוויי העלט אינשורענס פרימיומס, דידאקטיבלס, און קא-באצאלונגען. מעדיצינישע הילף קאסטן ווערן צוטיילט צווישן די צוויי עלטערן, געוואנדן אין זייערע איינקונפט. סיי וועלכע פון די עלטערן קען ווערן פארלאנגט איינצושרייבן דאס קינד אין א העלט אינשורענס פלאן אויב זייער ארבעט פארמאגט אזא אויסוואל.

די אינשורענס מוז זיין צו באקומען פאר א פארשטענדליכע פרייז פאר דער ארבעטער און די מעדיצינישע סערוויסעס מוזן זיין אוועילעבל אין די געגנט וואו דאס קינד וואוינט. אלגעמיינע עדיוקעישאן און טשיילד קעיר קאסטן פאר'ן קינד קענען אויך ווערן אריינגערעכנט אין די טשיילד סופארט באפעל. די אויסגאבן ווערן געווענליך צוטיילט צווישן די צוויי עלטערן, געוואנדן אין זייער איינקונפט.

עס קען אויך אריינרעכענען טשיילד קעיר. סיי מעדיצינישע הילף און סיי טשיילד קעיר זענען אין צוגאב צו די סומע פון די באזע באפעל. נעמט אין אכט אז עלטערן אן זארגערכט מוזן אריינגעבן א פעטיציע צום געריכט אראפצונעמען טשיילד קעיר פון זייער באפעל איידער זיי קענען עס אויפהערן באצאלן.

**ווען די באפעל גייט אריין אין קראפט**

די גילטיגע דאטום פון יעדע טשיילד סופארט באפעל איז די דאטום וואס די פעטיציע ווערט אריינגעגעבן, נישט די דאטום וואס די באפעל ווערט אוועקגעשטעלט אין געריכט אדער די דאטום ווען אייערע אומשטענדן האבן זיך געטוישט.

- צום ביישפיל, אויב א פעטיציע איז אריינגעגעבן געווארן אויף אקטאבער 1, און א טשיילד סופארט באפעל פאר $115 א וואך איז געווארן אוועקגעשטעלט ביי א הירינג אום דעצעמבער 5, וואלט דער עלטערן אן זארגערכט געווען שולדיג $115 א וואך זייט די וואך וואס האט זיך אנגעהויבן אקטאבער 1. קומט אויס אז אויף דעצעמבער 1 וואלט דער עלטערן אן זארגערכט גלייך געווען שולדיג פאר די געריכט $1,000 אין וואס ווערט אנגערופן צוריקגייענדע סופארט, וואס איז די צייט צווישן די דאטום ווען די פעטיציע איז אריינגעגעבן געווארן און די דאטום פון ווען די באפעל ווערט ארויסגעגעבן.
- ענליך דערצו, אויב איר האט אנגעהויבן וואוינען מיט אדער זיך אפגעבן מיט אייער קינד אין יאנואר אבער האט נישט אריינגעגעבן א פעטיציע ביז יוני צו אפשטעלן (אויפהערן) אדער טוישן די באפעל צו ווערן די עלטערן מיט זארגערכט, וואלט איר נאכאלץ געווען פאראנטווארטליך צו באצאלן סיי וועלכע טשיילד סופארט פאר די צייט צווישן יאנואר און יוני.



## וויאזוי עלטערן אן זארגערכט וועלכע פארדינען ווייניג געלט קענען זיין בארעכטיגט פאר א קלענערע סומע פון טשיילד סופארט

עס איז זייער וויכטיג צו ערשיינען ביים הירינג און מיטברענגען אייער פינאנציעלע אינפארמאציע אז דער סופארט מאגיסטראט זאל קענען אוועקשטעלן א באפעל באזירט אויף אייער איינקונפט.

- אויב אייער יערליכע איינקונפט איז נידריגער ווי די ניו יארק סטעיט זעלבסט-סופארט רעזערוו, אדער SSR, קען אייער טשיילד סופארט באפעל ווערן באשטימט אויף $50 א מאנאט. די SSR און די פעדעראלע ארימקייט שטאפל טוישן זיך יעדע יאר, זעט https://www.childsupport.ny.gov/dcse/pdfs/CSSA.pdf.
- אויב אייער יערליכע איינקונפט איז נידריגער ווי די פעדעראלע ארימקייט שטאפל פאר איין מענטש, קען אייער טשיילד סופארט באפעל ווערן באשטימט אויף $25 א מאנאט און די סומע געלט וואס איר קענט זיין שולדיג קען זיין באגרענעצט צו בלויז $500. זעט https://aspe.hhs.gov/topics/poverty-economic-mobility/poverty-guidelines.
- אויב איר האט אן ארבעט וואס צאלט זייער ווייניג אדער זענט ארבעטסלאז, קען דער סופארט מאגיסטראט אייך שיקן צו די עלטערן סופארט פראגראם (Parent Support Program, PSP) זיי וועלן אייך ווייטער שיקן צו אן ארגאניזאציע וואס וועט אייך העלפן טרעפן אן ארבעט. איינמאל איר הויבט אן פארדינען מער געלט, קען די סומע פון אייער טשיילד סופארט באפעל פארגרעסערט ווערן ביי א געריכט הירינג.

## וואס פאסירט נאך די הירינג

- אויב א טשיילד סופארט באפעל ווערט אוועקגעשטעלט, וועט איר באקומען א באצאלונג אנווייזונג בלאט וואס דערקלערט די סומע פון אייער טשיילד סופארט באפעל און וויאזוי צו אנהויבן מאכן באצאלונגען. איר וועט אויך באקומען א קאפיע פונעם באפעל, ווארשיינליך אויף פאסט. איר קענט צוריקקומען צום געריכט ביי א שפעטערע געלעגנהייט צו בעטן א קאפיע.
- ליינט אדורך אייער טשיילד באפעל, מאכט זיכער אז איר פארשטייט עס, און האלט א קאפיע. אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיט די טשיילד סופארט באפעל, האט איר 30 טעג פון די דאטום פונעם באפעל אריינצוגעבן א געשריבענע קעגנשטעלונג צום געריכט. א ריכטער וועט איבערקוקן די קעיס רעקארד און באשליסן אויב די באפעל איז גערעכט אדער אויב עס זאל געטוישט ווערן. א ביישפיל פון א טשיילד סופארט באפעל איז בייגעלייגט ביים ענדע פון דעם בוך.
- נאך די באפעל ווערט אריינגעלייגט אין די טשיילד סופארט קאמפיוטער סיסטעם, וועט איר באקומען א בריוו אויף פאסט וואס וועט אייך זאגן וויפיל איר דארפט באצאלן און וויאזוי צו מאכן באצאלונגען. ליינט פארזיכטיג אדורך די בריוו צו מאכן זיכער אז אלע אינפארמאציע איז ריכטיג. פארבינדט זיך מיט OCSS פאר סיי וועלכע פאררעכטונגען.

# באצאלן אייער טשיילד סופארט

## וויאזוי צו צאלן און וואו די סופארט זאמלונג אייניהייט (Support Collection Unit, SCU)

איר זענט פאראנטווארטליך צו באצאלן אייער טשיילד סופארט באפעל. אויב איר ארבעט, וועט מען שיקן א מעלדונג צו אייער ארבעטסגעבער מיט אנווייזונגען צו אראפנעמען די טשיילד סופארט באצאלונגען פון אייער געהאלט און עס שיקן צו OCSS. טשיילד סופארט באצאלונגען קענען אויך אראפגענומען ווערן דירעקט פון אנדערע קוועלער פון איינקונפט, אזויווי פענציע, מיליטערישע געלטער, סאושעל סעקיוריטי, דיסאביליטי, און ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס. טשיילד סופארט באצאלונגען קענען נישט ווערן אראפגענומען פון קעש הילף אדער SSI בענעפיטן. אויב אייער טשיילד סופארט באפעל ענטהאלט אויך מעדיצינישע הילף, וועט א מעלדונג געשיקט ווערן צו אייער ארבעטסגעבער אראפצורעכענען די קאסט פון די העלט אינשורענס בענעפיטן פאר אייער קינד פון אייער פעיטשעק.

1. **אויב איר זענט איינגעשטעלט אלס א NCP**, מעג מען ארומשפילן מיט אייער פעיטשעק (garnishment). עס קען דויערן אפאר וואכן פון די צייט וואס די טשיילד סופארט באפעל ווערט אוועקגעשטעלט ביז אייער ארבעטסגעבער הויבט אן אראפנעמען באצאלונגען פון אייער פעיטשעק. ביז דעמאלץ, וועט איר זיין פאראנטווארטליך צו מאכן באצאלונגען צו די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט פראצעסירונג צענטער.
2. **אויב איר ארבעט פאר זיך אליינס**, וועט איר זיין פאראנטווארטליך צו מאכן רעגלמעסיגע באצאלונגען צו די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט פראצעסירונג צענטער.
3. **אויב איר האט נישט קיין ארבעט**, מוזט איר מאכן רעגלמעסיגע באצאלונגען דירעקט צו די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט פראצעסירונג צענטער.

- אלע באצאלונג אויסוואלן זענען קלאר ערקלערט אויף https://on.nyc.gov/paymentmethods.
- נוצט די NYC טשיילד סופארט - ACCESS HRA מאבייל עפּפּ צו מאכן טשיילד סופארט באצאלונגען נוצנדיג א קרעדיט קארטל, דעביט קארטל, אדער PayPal: nyc.gov/childsupportmobile.
- עס איז וויכטיג אז איר זאלט מאכן די באצאלונגען אין צייט. אויב באצאלונגען ווערן אונטערשטעליג און אייערע באצאלונגען קומען דירעקט פון אייער ארבעט אדער אנדערע קוואל פון איינקונפט, קענען אייער געווענליכע אראפרעכענונגען געהויבן ווערן מיט ביז 50% ביז אייער אקאונט ווערט אויסגעצאלט, און איר קענט מעגליך אויסשטיין אנדערע ענפארסירונג מאסנאמען. דאס ווערט גערופן "צוגעלייגטע סומע" אדער "פארגרעסערטע סומע".

*צום ביישפיל, אויב אייער טשיילד סופארט באפעל איז פאר $115 א וואך און איר זענט שולדיג אלטע טשיילד סופארט, וועט מען אייך רעכענען א צוגעלייגטע סומע פון $57.50 (50% פון $115) פאר א סך הכל פון $172.50 א וואך ביז אייער אקאונט ווערט אויסגעצאלט.*



## וויאזוי צו בעטן א שוועריקייט איבערזיכט (Hardship Review)

- אויב אייער באצאלונג (Garnishment) ווערט צייטווייליג געהויבן מיט 50% העכער אייער געווענליכע באפעל, מאכט ניו יארק סטעיט זיכער אז די צוגעלייגטע סומע איז אייך נישט צו שווער און עס בלייבט פאר אייך אן איינקונפט וואס איז אונטער די יערליכע זעלבסט-סופארט רעזערוו. זעט https://childsupport.ny.gov/dcse/pdfs/CSSA.pdf פאר די סומע פון די זעלבסט-סופארט רעזערוו פאר דעם יאר. צום ביישפיל, אויב אייער טשיילד סופארט באפעל איז פאר $300 א מאנאט, וועט די צוגעלייגטע סומע זיין $150, פאר א סך הכל פון $450 א מאנאט. אויב יענע איבעריגע $150 ברענגט אז אייער יערליכע איינקונפט זאל זיין אונטער די זעלבסט-סופארט רעזערוו, זאלט איר זיך פארבינדן אדער באזוכן די OCSS קאסטומער סערוויס אריינשפאציר צענטער אדער שיקן אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us און בעטן א "שוועריקייט איבערזיכט".
- טייל, אדער די גאנצע, פון די צוגעלייגטע $150 סומע קען ווערן אראפגענומען אויב איר קענט אויפווייזן א שוועריקייט, אבער די טשיילד סופארט באפעל וועט זיך נישט טוישן. צו קלענער מאכן אייער טשיילד סופארט באפעל, אנגערופן א "טויש אויף אראפ", קענט איר פרעגן דעם קאסטומער סערוויס אריינשפאציר צענטער ארבעטער איבער אן אפמאך דורך MOTS (Modifying Orders through Stipulation) (טוישן באפעלן דורך באדינגונגען), אדער קענט איר אריינגעבן א טוישונג פעטיציע אין די געריכט וואו די באפעל איז אוועקגעשטעלט געווארן.

## וואס אייער ארבעטסגעבער איז געפאדערט צו טון

אייער ארבעטסגעבער ווערט פארלאנגט דורך די געזעץ צו אראפשניידן די געריכט-באפוילענע סומע פאר טשיילד סופארט און מעדיצינישע הילף פון אייער געהאלט. פעיראל אראפרעכענונגען פאר טשיילד סופארט און מעדיצינישע הילף זענען די זעלבע פאר אלעמען און ארבעטסגעבער וויסן איבער דעם פראצעדור. אייער ארבעטסגעבער טאר אייך נישט פארשיקן, נעמען געלט פון אייך, אדער דיסקרימינירן קעגן אייך אויף סיי וועלכע וועג צוליב די טשיילד סופארט אראפרעכענונגען.

אויב אייער ארבעטסגעבער האט פראגעס, איז דא צו באקומען הילף דורך רופן די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט הילף ליניע אויף 888-208-4485, און דרוקן 2 (ארבעטסגעבער און איינקונפט צוריקהאלטער). אויב איר זארגט זיך אז אייער ארבעטסגעבער פאלגט נישט אויס די געזעץ, ביטע לאזט וויסן פאר OCSS דורך שיקן אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us.

די פעדעראלע קאנסומער קרעדיט באשיצונג אקט (Consumer Credit Protection Act, CCPA) שטעלט א באגרעניצונג אויף די סומע וויפיל אייער ארבעטסגעבער מעג נעמען פון אייער פעיטשעק. די מאקסימום סומע וואס מעג אראפגענומען ווערן אלס א פראצענט פון אייער נוצבארע איינקונפט (סומע פארבליבן נאכ'ן אראפנעמען פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע שטייערן און סאושעל סעקיוריטי און Medicare אראפרעכענונגען). די פראצענט ווענדט זיך אין אויב איר זענט שולדיג טשיילד סופארט חובות.

## CCPA אנווייזונגען פאר לעצטיגע OWI'ס

פאר NYS איינקונפט-צוריקהאלטונג באפעלן מיט א דאטום פון אוגוסט 29, 2018, אדער שפעטער

| מאקסימום פראצענט פון נוצבארע איינקונפט וואס מעג גענומען ווערן... | ווען דער NCP קומט נאך די אלע באדינגונגען... |
|---|---|
| **50%** | קיין גילטיגע חובות<br>(קומט אויס צו 12 אדער מער וואכן פון זייער יעצטיגע טשיילד סופארט) |
| **55%** | האט גילטיגע חובות<br>(קומט אויס צו 12 אדער מער וואכן פון זייער יעצטיגע טשיילד סופארט) |

צום ביישפיל:

עלטערן אן זארגרעכט האט איין טשיילד סופארט באפעל

- טשיילד סופארט באפעל איז $200 א וואך
- קיין חובות
- נוצבארע איינקונפט איז $300 א וואך
- מאקסימום וואס קען גענומען ווערן איז $150 א וואך ($300 x50%)

*אויב דער ארבעטסגעבער נעמט אראפ די פולע $200 זאל דער עלטערן אן זארגרעכט בעטן פאר פעיראל צו קענען אויסרעכענען נאכאמאל די טשיילד סופארט פעיראל אראפרעכענונג וויבאלד די סומע וואס ווערט אראפגערעכנט איז העכער די באגרעניצונג פון CCPA. אינעם זעלבן צייט, זאל דער עלטערן אן זארגרעכט צוריקגיין צו די פאמיליע געריכט וואו די טשיילד סופארט באפעל איז אוועקגעשטעלט געווארן און אריינגעבן א פעטיציע פאר א טויש אויף אראפ. דאס איז וויבאלד אפילו אויב דער ארבעטסגעבער וועט אראפנעמען וויניגער פונעם פעיטשעק, וועט די סומע פון טשיילד סופארט באפעל זיך נישט טוישן. סיי וועלכע טויש צום באפעל אליינס מוז ווערן געמאכט דורך די געריכט פראצעדור אדער דורך א טוישונג אפמאך דורך OCSS קאסטומער סערוויס איינגעשטעלטע.*

## וויאזוי צו באקומען הילף מיט טרעפן ארבעט

אויב איר קענט זיך נישט ערלויבן צו באצאלן טשיילד סופארט וויבאלד איר זענט ארבעטסלאז אדער האט אן ארבעט וואס צאלט אבער נישט גענוג, זענען פארהאן פראגראמען צו העלפן:

- **עלטערן סופארט פראגראם (PSP)** פארט צוזאם עלטערן אן זארגרעכט מיט אן ארבעט, ארבעט טרענירונג, פארמיטלונג, עדיוקעישאן, לעבנס-סקילס קלאסן, און אנדערע סערוויסעס. די פראגראם העלפט ארויס עלטערן צו קענען נאכקומען זייער טשיילד סופארט פאראנטווארטליכקייט און בויען שטערקערע באציאונגען מיט זייערע קינדער. עלטערן אן זארגרעכט קענען געשיקט ווערן צו דעם פראגראם ווען זיי ערשיינען אין פאמיליע געריכט פאר זייער טשיילד סופארט קעיס.
- **TXT-2-Work(טעקסט-צו-ארבעטן)** איז א פרייוויליגע ארבעט זוכעריי העלפער וואס שיקט נייע ארבעט געלעגנהייטן אינפארמאציע און טיפס פאר זוכן ארבעט און שרייבן רעזומעיס פאר ניו יארקער וועלכע שרייבן זיך אויף פאר די סערוויס. די שנעלקייט פון עלעטראנישע מעסעדזשעס ברענגט אז TXT-2-Work אנטיילנעמענדע קענען ליינען איבער און זיך איינגעבן פאר אן ארבעט ביז 24 שעה פון ווען די געלעגנהייט קומט בכלל ארויף. שרייבט זיך אויף דורך טעקסט'ן די ווארט JOBS צו 877877 אדער אויספולן די אנליין בויגן דורך אויפזוכן ביזנעס לינק (NYC Business Link).
- **ארבעטסקראפט1 (Workforce1)** איז א סערוויס צוגעשטעלט דורך די NYC קליינע ביזנעס סערוויסעס דעפארטמענט. עס גרייט צו און פארט צוזאם קוואליפיצירנדע קאנדידאטן מיט ארבעט געלעגנהייטן. סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט דורך א סעריע פון ארבעטסקראפט1 קאריערע צענטערן צושפרייט ארום די סיטי'ס פינף באראוס און זענען געאייגנט פאר ניו יארק פון 18 יאר און ארויף. פאר מער אינפארמאציע און ארבעטסקראפט1 לאקאציעס, באזוכט [nyc.gov/workforce1](nyc.gov/workforce1).
- **ארבעט-פלאס (Jobs-Plus)** איז א געפרואווטע ארבעטס פראגראם פאר ניו יארק סיטי פובליק וואוינונגס איינוואוינער, וואס שטעלט צו אפשאצונג, ארבעט גרייטקייט, טרענירונג, ארבעט זוכעריי הילף, רעפערעלס פאר סאושעל סופארטס, און טשיילד סופארט סערוויסעס.

פארבינדט זיך מיט OCSS צו באקומען א רעפערעל פאר אן ארבעטס פראגראם.
פאר ארבעט טרענירונג און אלע יעצטיגע אויסוואלן פון ארבעט געלעגנהייטן, גייט צו [https://on.nyc.gov/jobsandtraining](https://on.nyc.gov/jobsandtraining).

**אימעיל:** [dcse.cseweb@dfa.state.ny.us](mailto:dcse.cseweb@dfa.state.ny.us)

## אויב איר מופט אדער טוישט ארבעט

איר זענט פארלאנגט דורך די געזעץ צו לאזן וויסן פאר OCSS אויב איר מופט כדי מיר זאלן קענען בלייבן אין פארבינדונג מיט אייך איבער אייער קעיס. אויב איר טוישט ארבעט, לאזט אונז וויסן אז מיר זאלן קענען מעלדן פאר אייער נייע ארבעטסגעבער צו אנהויבן אראפנעמען טשיילד סופארט באצאלונגען פון אייער פעיטשעק. אן אפשטעל פון באצאלונגען וועט פירן צו אומבאצאלטע טשיילד סופארט חובות און קען ברענגען שטארקע ענפארסירונג מאסנאמען. איר קענט אויך מעגליך פארפאסן וויכטיגע אינפארמאציע איבער אייער קעיס אויב מיר האבן נישט אייער לעצטע אדרעס.

## אויב איר געבט זיך אריין אלס באנקראט

זיך איינגעבן אלס באנקראט מעקט נישט אפ די פאראנטווארטליכקייט צו באצאלן יעצטיגע און שולדיגע טשיילד סופארט. טשיילד סופארט חובות קומט בעפאר אנדערע קרעדיטארס מיט די אויסנאם פון די IRS (אינערליכע רעוועניו סערוויס) אין געוויסע פעלער. אויב איר האט שוין א טשיילד סופארט באפעל, וועט די פעיראל אראפרעכענונגען פאר יעצטיגע סופארט ווייטער פארזעצן. די סארט באנקראט (מיינענדיג וועלכע באנקראט קאפיטל) באשטימט אויב מען זעצט פאר צו נעמען אלטע שולדיגע סופארט און וועלכע ענפארסירונג שריט זענען גילטיג. א נייע טשיילד סופארט באפעל קען נאך ווערן אוועקגעשטעלט דורכאויס די באנקראט צייט אפשניט.

## אויב איר טיילט געלט אדער געשאנקען פאר די עלטערן מיט זארגרעכט

- איינמאל איר האט א טשיילד סופארט באפעל וואס איר צאלט דורך די סופארט זאמלונג איינהייט (SCU), וועט סיי וועלכע געשאנקען (קעש אדער אנדערע) וועלכע איר געבט פאר אייער קינד נישט ווערן גערעכנט אלס אפצאלן אייער טשיילד סופארט פאראנטווארטליכקייט. ענליך דערצו, וועט סיי וועלכע געלט וואס איר באצאלט דירעקט פאר דער עלטערן מיט זארגרעכט נישט ווערט אראפגערעכנט פון אייער טשיילד סופארט אקאונט, און איר קענט דערנאך זיין שולדיג טשיילד סופארט חובות צוליב דעם.
- עלטערן מיט זארגרעכט וועלכע באקומען קעש הילף בענעפיטן ווערן גערעכנט צו באגיין וועלפעיר שווינדל אויב זיי נעמען אן דירעקטע טשיילד סופארט באצאלונגען און באריכטן נישט די באצאלונגען צו די NYC יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (HRA).
- קליידונג, פעמפערס, און אנדערע זאכן וואס איר געבט פאר דער עלטערן מיט זארגרעכט פאר די קינד זענען גערעכנט אלס געשאנקען. זיי קענען נישט ווערן גערעכנט אלס באצאלונג פאר טשיילד סופארט.

## וואו די באצאלונגען גייען

- אויב דער עלטערן מיט זארגרעכט און/אדער קינד באקומט קעש הילף, איז די פאמיליע בארעכטיגט צו האלטן ביז דיע רשטע $100 ($200 פאר 2 אדער מער קינדער) פון יעצטיגע טשיילד סופארט באקומען יעדע מאנאט. (יעצטיגע סופארט מיינט די סומע וואס מען דארף באקומען וואס שטייט אויפ'ן גערעכט באפעל). דאס ווערט אנגערופן א דורכגאנג אדער באנוס באצאלונג און איז אין צוגאב צו די קעש הילף בענעפיטן. אלע געלט באקומען וואס איז איבער די באנוס באצאלונג דארף מען נוצן צו צוריקצאלן די סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט (DSS) פאר די באקומענע קעש בענעפיטן.
- צום ביישפיל, אויב אן עלטערן מיט זארגרעכט האט איין קינד און א קעש הילף בענעפיט סומע פון $500, און דער עלטערן אן זארגרעכט'ס באפעל איז $150 און $100 ווערט געצאלט, באקומט דער עלטערן מיט זארגרעכט א סך הכל פון $600 ($500 בענעפיט מיט $100 טשיילד סופארט).
- ווען די פאמיליע גייט אראפ פון קעש הילף, זעצט די טשיילד סופארט באפעל ווייטער פאר אויסער אויב דער עלטערן מיט זארגרעכט בעט אז מען זאל עס אפשטעלן. אלע געלט גענומען פאר יעצטיגע טשיילד סופארט גייט דירעקט צו די עלטערן מיט זארגרעכט. אין געוויסע פעלער, וועט OCSS האלטן אלטע סופארט געלטער וואס איז שולדיג פון א צייט ווען די פאמיליע האט באקומען קעש הילף.
- אויב די עלטערן מיט זארגרעכט האט קיינמאל נישט באקומען קעש הילף, וועלן אלע באצאלונגען געשיקט ווערן צו אים אדער איר.
- די קאסט פון האדעווען א קינד איז זייער טייער. פאר איינציגע-עלטערן פאמיליעס וועלכע פארדינען אונטער $59,000 בעפאר שטייערן, איז די אפגעשאצטע קאסט פון האדעווען א ניי-געבוירענע ביז 2-יעריגע קינד $11,450 פער יאר לויט די אמעריקאנער אגריקולטוראלע דעפארטמענט באריכט "אויסגאבעס אויף קינדער דורך פאמיליעס."





## עלטערן אין זארגערכט פארדינטע איינקונפט שטייער קרעדיט

איר קענט זיין בארעכטיגט פאר א ניו יארק סטעיט עלטערן אין זארגערכט פארדינטע איינקונפט שטייער קרעדיט. צו באקומען די קרעדיט, מוזט איר אריינגעבן א ניו יארק סטעיט שטייער ריטורן און מיטשיקן שטייער בויגן IT-209. איר האט ביז צוויי יאר זיך איינצוגעבן פאר די שטייער קרעדיט. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט https://on.nyc.gov/4dsyL9T.

## זארגערכט און באזוכן

זארגערכט און באזוך רעכטן קענען נישט ווערן פעסטגעשטעלט ביי א טשיילד סופארט הירינג און זענען נישט אריינגערעכנט אין די טשיילד סופארט באפעל. אבער זיי זענען עמאושענעל טעמעס פאר עלטערן. אפילו אויב איר זעט נישט אייער קינד, זענט איר נאכאלץ לעגאל פאראנטווארטליך צו באצאלן געריכט-באפוילענע טשיילד סופארט. אויב די עלטערן מיט זארגערכט לאזט אייך נישט זען אייער קינד, אדער איר קענט נישט קומען צו אן אפמאך איבער אנדערע חינוך פראבלעמען, נעמט אין באטראכט די אויסוואל פון פארמיטלונג. פארמיטלונג העלפט אייך לעזן אייערע אונטערשיידן און פארבעסערן אייערע באציאונגען מיט די אנדערע עלטערן. קוקט איבער די ליסטע פון אומזיסטע און ביליגע פארמיטלער אויסגערעכנט אין דעם אפטיילונג.

סיי וועלכע פון די עלטערן קען אריינגעבן א פעטיציע אין פאמיליע געריכט פאר א זארגערכט און באזוכן הירינג צו אוועקשטעלן פארמאלע זארגערכט פון דאס קינד אדער ענפארסירן באזוכן רעכטן. ווער עס האט לעגאלע זארגערכט וועט ווערן אדורכגערעדט ביי אן אנדערע הירינג, עקסטער פונעם טשיילד סופארט קעיס. אבער, די טשיילד סופארט באפעל קען זיך רעכענען מיט דעם אויב איר האט פארברענגט מער צייט מיט'ן קינד, מאכט זיכער עס ארויפצוברענגען אין געריכט. ביים הירינג, קען דער ריכטער אדער אויסהערער שיקן די עלטערן פאר פארמיטלונג. עס איז א געלעגנהייט פארביידע עלטערן צו אויסארבעטן אן אפמאך וואס קען פארוואנדלט ווערן אין א געריכט באפעל. אויב מען קען נישט דערגרייכן אן אפמאך, דארפן די עלטערן צוריקקומען אין געריכט און דער ריכטער אדער אויסהערער וועט מאכן די נויטיגע באשלוסן.

מען קען אויך באקומען פארמיטלונג סערוויסעס אן בכלל גיין אין געריכט. גייט אנליין צו bit.ly/MediationBrochure פאר א שילדערונג און ליסטע פון די סערוויסעס. עלטערן קענען זיך דירעקט פארבינדן מיט די פאלגנדע ארגאניזאציעס פאר אומזיסטע אדער ביליגע פארמיטלונג סערוויסעס:

- **CENTER FOR MEDIATION AND TRAINING:** 212-799-4302 (אלע קליענטן, באצאלט אויפן שעה)
- **COMMUNITY MEDIATION SERVICES:** 718-523-6868 (Queens איינוואוינער)
- **INSTITUTE FOR MEDIATION AND CONFLICT RESOLUTION:** 718-585-1190 (Bronx איינוואוינער)
- **NEW YORK LEGAL ASSISTANCE GROUP:** hrasupport@nylag.org (נידריגע פארדינער קליענטן)
- **NEW YORK PEACE INSTITUTE:** 212-577-1740 (Brooklyn און Manhattan איינוואוינער)
- **PARENT HELP:** 800-716-3468 (אומזיסטע און אנאנימע טעלעפאן הילף ליניע פאר עלטערן וועלכע וואוינען נישט צוזאמען)

## טוישן אייער באפעל ווען אייערע אומשטענדן טוישן זיך

### וויאזוי איר קענט ברענגען אן ענדערונג אפמאך אין געריכט

א צווייטע אויסוואל צו די לענגערע געריכט פראצעדור פון טוישן א טשיילד סופארט באפעל איז צו מאכן אן אפמאך צווישן ביידע עלטערן, וואס ווערט אנגעפירט דורך די OCSS קאסטומער סערוויס אריינשפאציר צענטער ארבעטער. אונזער פראגראם, וואס ווערט אנגערופן טוישן באפעלן דורך באדינגונגען (Modifying Orders Through Stipulation, MOTS), פאדערט געווענליך איין קורצע געריכט הירינג וואס רעזולטירט אין א טשיילד סופארט באפעל אויף צושטימונג, וואס דאס איז א באפעל וואס ביידע צדדים זענען איינשטימיג אויף. די געריכט הירינג געבט פאר דער סופארט מאגיסטראט די געלעגנהייט צו פארזיכערן אז טוישן ווערן פרייוויליג אריינגעלייגט און אז ביידע פון אייך פארשטייען אייערע רעכטן. אן א געריכט ערשיינונג, קען די געריכט נישט פארוואנדלען די אפמאך אין א באפעל אויף צושטימונג.

MOTS געבט פאר ביידע עלטערן די געלעגנהייט צו אדורכרעדן, פרעגן פראגעס, און קומען צו אן אפמאך איבער די טשיילד סופארט פאראנטווארטליכע סומע, נוצנדיג די טשיילד סופארט סטאנדארט אנווייזונגען און רעכענונגען. MOTS איז געאייגנט צו געבן פאר עלטערן א בייהילפיגע און פריינטליכע פראצעדור צו טוישן זייערע באפעלן.

### וויאזוי צו בעטן אן ענדערונג אין געריכט

אייער טשיילד סופארט באפעל איז באזירט אויף אינפארמאציע וואס איז דא צו באקומען ביים צייט פונעם הירינג. סיי וועלכע פון די עלטערן קענען אריינגעבן א פעטיציע אין פאמיליע געריכט צו פאררעכטן (טוישן) די סומע פון די טשיילד סופארט באפעל אויב עס איז דא א מערקווערדיגע טויש אין אומשטענדן אדער אויב מען קומט נישט נאך דאס באדערפענישן פונעם קינד.

- אויב אייער איינקונפט טוישט זיך (איר פארדינט מער נישט אווערטיים, איר פארלירט אייער ארבעט און גייט ארויף אויף ארבעטסלאזיגקייט, איר הויבט אן באקומען דיסאביליטי, א.ד.ג.) און איר קענט זיך מער נישט ערלויבן צו באצאלן די טשיילד סופארט באפעל, זאלט איר גלייך צוריקגיין צום געריכט וואו איר האט געהאט אייער לעצטע טשיילד סופארט הירינג און אריינגעבן א פעטיציע פאר א טויש אויף אראפ.

- איר קענט אויך גיין אנליין צו ניו יארק סטעיט DIY (טוט-עס-אליינס) בויגנס אויף nycourthelp.gov צו איספולן א טויש סופארט פעטיציע. איינמאל איר דאונלאוד'ט די איסגעפולטע פעטיציע און שרייבט עס אונטער, קענט איר עס ברענגען אדער אריינשיקן צו די פאמיליע געריכט אויף פאסט.
- איר וועט באקומען א הירינג דאטום און אנווייזונגען איבער וואס צו טון ווייטער. די עלטערן מיט זארגערעכט מוז באקומען דאס מעלדונג צו ערשיינען אין געריכט. OCSS קען אייך העלפן שיקן די איינלאדנונג פאר די עלטערן מיט זארגערעכט.

איר קענט בעטן א טויש אויב סיי וועלכע פון די פאלגנדע זענען שייך צו אייער קעיס:

- דריי יאר זענען אריבער זייט דער באפעל איז אריינגעלייגט געווארן, לעצט געטוישט געווארן, אדער צוגעפאסט געווארן.
- עס איז געווען א טויש אין איינער פון די עלטערן'ס גראס איינקונפט פון 15% אדער מער זייט דער באפעל איז געווארן אריינגעלייגט, לעצט געטוישט, אדער צוגעפאסט. יעדע נידערונג אין די צאל איינקונפט מוז זיין קעגן די ווילן פון די עלטערן און די עלטערן וועלכע געבט אריין זייער נידערונג אין איינקונפט מוז האבן פרובירט צו טרעפן ארבעט וואס וואלט געווען פאסיג צו זיין אדער איר עדיוקעישאן, פעאיגקייט, און ערפארונג.
- מענטשן אין טורמע קענען אריינגעבן א פעטיציע צו טוישן צוליב א מערקווערדיגע טויש אין אומשטענדן אזוי לאנג ווי זייער איינשפארונג איז נישט צוליב נישט באצאלן טשיילד סופארט אדער צוליב א פארלעצונג קעגן די עלטערן מיט זארגערעכט אדער דאס קינד. (דאס זענען נאר גילטיג פאר באפעלן אוועקגעשטעלט נאך אקטאבער 10, 2010.)

## ווען די עלטסטע קינד ווערט 21

- אויב עס איז דא מער ווי איין קינד איסגערעכנט אויפ'ן זעלבן טשיילד סופארט באפעל, קען די פאראנטווארטליכע סומע ווערן איינגעטיילט. דאס מיינט אז א ספעציפישע סומע ווערט באשטימט פאר יעדע דעפענדענט קינד. ווען די עלטסטע קינד ווערט 21, וועט OCSS אויטאמאטיש נידערן די טשיילד סופארט סומע מיט די סומע איינגעטיילט פאר יענע קינד.
- אויב די באפעל איז נישט איינגעטיילט, מוז דער עלטערן אן זארגערעכט אריינגעבן א פעטיציע אין געריכט פאר א טויש אויף אראפ ווען די עלטסטע קינד ווערט 21. אויב נישט, וועט די באפעל זיך נישט טוישן, און איר וועט דארפן ווייטער באצאלן די פולע סומע אריינגערעכנט די סומע פאר אייער ערוואקסענע קינד.
- אויב אייער באפעל ווערט אוועקגעשטעלט אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט, קען די עלטער דאטום דערפן מעגליך נישט זיין 21 יאר.



## וואס פאסירט ביי די געריכט הירינג פאר אן ענדערונג

- איינמאל איר געבט אריין א פעטיציע צו טוישן מיט פאמיליע געריכט, וועט א הירינג ווערן באשטימט. איר וועט האבן א געלעגנהייט צו פארשטעלן אייער יעצטיגע איינקונפט און איסגאבן.
- דער סופארט מאגיסטראט וועט איבערקוקן די אינפארמאציע און איינקלאנג מיט די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט סטאנדארטן אקט אנווייזונגען און באשליסן אויב די באפעל זאל געטוישט ווערן.
- סיי וועלכע טויש פון די סומע אויפ'ן באפעל וועט בלויז צוריקגיין צו די דאטום וואס די פעטיציע איז געווארן אריינגעגעבן אין געריכט, נישט די דאטום וואס די אומשטענדן האבן זיך פאקטיש געטוישט.

## קאסטן פון לעבן ענדערונג

- OCSS קען העכערן א טשיילד סופארט באפעל מיט א לעבנס קאסטן צופאסונג (Cost of Living Adjustment, COLA) ווען די קעיס ווערט בארעכטיגט, אן גיין אין געריכט.
- COLA איז באזירט אויף יערליכע טוישונגען אין די קאנסומער פרייז אינדעקס פאר אלע אורבען ערטער (CPI-U), וואס גייט נאך פרייזן פון זאכן אזויווי עסנווארג, קליידער, האוזינג, טראנספארטאציע, ברענשטאף, און מעדיצינישע איסגאבן.
- COLA קען ווערן צוגעלייגט צו א טשיילד סופארט באפעל ווען די יערליכע העכערונגען אין די CPI-U קומען אויס צו כאטש 10% פון דעם דאטום וואס דער באפעל איז אוועקגעשטעלט געווארן אדער לעצט געטוישט געווארן.
- מען וועט אייך לאזן וויסן איידער א COLA ווערט צוגעלייגט צו אייער באפעל און איר וועט האבן א געלעגנהייט צו עס קעגנשטעלן.
- אויב איר זענט קעגנשטעליג צו די COLA, וועט אן ענדערונג הירינג ווערן באשטימט אין פאמיליע געריכט צו איבערגיין די סומע פון אייער באפעל. דער סופארט מאגיסטראט וועט באשליסן אויב דער באפעל זאל געטוישט ווערן אדער בלייבן די זעלבע, באזירט אויף די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט סטאנדארטן אקט אנווייזונגען.

## פראגראמען צו נידערן די חוב פאר עלטערן וועלכע האבן נישט זארגרעכט

OCSS שטעלט צו פראגראמען וועלכע קענען נידערן די טשיילד סופארט חוב (אלטע חובות) וואס מען איז שולדיג פאר די ניו יארק סיטי סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט (DSS). אויב איר זענט נישט זיכער אויב איר זענט שולדיג געלט פאר DSS, פארבינדט זיך מיט OCSS אויף dcse.cseweb@dfa.state.ny.us.

**ARREARS CAP (חובות דעקל)** קען נידערן די צאמגעזאמלטע טשיילד סופארט חוב וואס איר זענט שולדיג פאר די רעגירונג (DSS) אראפ צו $500, אן דארפן גיין אין פאמיליע געריכט.

**צו ווערן בארעכטיגט:**

- מוז זיין שולדיג געלטער פאר NYC DSS; מוז נישט זיין אן אנגייענדע אדער אקטיווע טשיילד סופארט באפעל.
- חובות מוזן זיין פון ווען די איינקונפט איז געווען אונטער די פעדעראלע ארימקייט שטאפל (זעט https://aspe.hhs.gov/topics/poverty-economic-mobility/poverty-guidelines). אויב איר האט נישט קיין באווייז פון פראגאנגענע איינקונפט (שטייער ריטורנס, פעי סטאבס), בעט פאר א געהאלט דערקלערונג פון די סאושעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע אדער באווייז פון צייט אין טורמע, אדער באווייז פון באקומען א בענעפיט (צ.ב., קעש הילף).

**חובות קרעדיט פראגראם (ARREARS CREDIT PROGRAM, ACP)** קען נידערן די סומע פון חובות וואס מען איז שולדיג פאר DSS מיט $5,000 א יאר פאר ביז דריי יאר, אן דארפן גיין אין געריכט. עלטערן אן זארגרעכט וועלכע האבן אנגייענדע טשיילד סופארט באפעלן און די וועלכע זענען בלויז שולדיג אלטע חובות זענען ביידע בארעכטיגט אנטייל צו נעמען אין ACP. אנגייענדע באפעלן מוזן ווערן באצאלט צו אדער DSS אדער די עלטערן מיט זארגרעכט, אבער בלויז אלטע חובות שולדיג פאר DSS וועלן ווערן גענידערט.

**צו ווערן בארעכטיגט:**

- עס זענען נישט דא קיין איינקונפט פאדערונגען צו זיין בארעכטיגט פאר ACP.
- מאכט פולע באצאלונגען יעדן מאנאט פאר א גאנצע יאר.
- בארעכטיגטע עלטערן אן זארגרעכט וועלן באקומען א קרעדיט פון $5,000 א יאר, פאר ביז דריי יאר, צו גיין פאר טשיילד סופארט חובות וואס מען איז שולדיג צו DSS.

**עלטערן ערפאלג פראגראם (PARENT SUCCESS PROGRAM)** מוטיגט עלטערן אן זארגרעכט צו נעמען שריט צו פארבעסערן זייער אייגענע לעבן אז זיי זאלן דערביי קענען טון מער פאר זייערע קינדער. עלטערן ערפאלג איז פאר עלטערן וועלכע זענען שולדיג חובות פאר ניו יארק סיטי DSS. איר קענט נידערן אייער NYC DSS חוב מיט ביז $7,500 מיט באשטעטיגונג אז איר האט געענדיגט א בארעכטיגטע דראג באהאנדלונג פראגראם.



**צאלט עס אויס (PAY IT OFF)** איז א צייט-באגרעניצטע פראגראם וואס ערמעגליכט עלטערן אן זארגרעכט צו אויסצאלן ניו יארק סיטי DSS טשיילד סופארט חובות דאפלט אזוי שנעל. ווען איר באצאלט א מינימאלע פארלאנגטע סומע, וועט OCSS נידערן אייער DSS חוב פאר דאפלט דעם סומע אדער ביז די סך הכל סומע פון טשיילד סופארט חובות וואס איר זענט שולדיג פאר DSS.

צו געוואר ווערן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר איינס אדער מער פון די פראגראמען צו נידערן חובות, שיקט אונז אן אימעיל אויף dcse.cseweb@dfa.state.ny.us אדער באזוכט איינס פון אונזערע אפיסעס (זעט https://on.nyc.gov/contactocss).

הערט מער איבער די פראגראמען צו נידערן די חובות וואס OCSS שלאגט פאר דורך באזוכן nyc.gov/ocss-debt-reduction. נוצט די NYC טשיילד סופארט - ACCESS HRA מאביל עפ צו ארייננעמען אן אפליקאציע פאר א פראגראם צו נידערן חובות: nyc.gov/childsupportmobile.



## ווערן אונטערשטעליג מיט באצאלונגען

OCSS האלט חשבון פון וויפיל טשיילד סופארט עס ווערט באצאלט און וויפיל מען איז שולדיג. עס איז אונזער פליכט צו מאכן זיכער אז באצאלונגען קומען אן באצייטנס אויף א רעגלמעסיגע פארנעם. אויב איר ווערט אונטערשטעליג מיט אייער טשיילד סופארט באצאלונגען, זענען דא עטליכע אדמיניסטראטיווע ענפארסירונג שריט וועלכע קענען אריינגיין אין קראפט.

- איידער אן ענפארסירונג שריט קען אריינגיין אין קראפט, וועט מען אייך שיקן א בריוו אויף פאסט וואס וועט אייך ערקלערן וויאזוי צו אפהאלטן די שריט פון פאסירן און וויאזוי אריינצוגעבן א קעגנשטעלונג אדער גרייז פון פאקטן. איר קענט גיין צו youtube.com/hranyc צו זען א ווידעא אויף וויזוי אריינצוגעבן א קעגנשטעלונג.
- פאר מער אינפארמאציע איבער יעדע ענפארסירונג שריט און וויאזוי זיי צו קעגנשטעלן, זעט https://childsupport.ny.gov/dcse/enf_actions.html.
- נוצט די NYC טשיילד סופארט - ACCESS HRA מאבייל עפפ צו אויספולן אן ענפארסירונג שריט קעגנשטעלונג בויגן: nyc.gov/childsupportmobile.
- אויב איר באקומט קעש הילף אדער סאושעל סעקיוריטי אינשורענס (SSI), וועט איר נישט זיין אויסגעשטעלט צו געוויסע ענפארסירונג שריט.
- א קעיס קען ווערן אויסגעשטעלט צו מערערע ענפארסירונג שריט אינעם זעלבן צייט.
- OCSS האט די באפולמעכטיגונג צו ענפארסירן טשיילד סופארט באפעלן דורך אדמיניסטראטיווע מיטלען און דארפן צוריקגיין אין געריכט.
- אויב די מיטלען רעזולטירן נישט אין טשיילד סופארט באצאלונגען, קען די קעיס ווערט געשיקט צו פאמיליע געריכט פאר געזעצליכע ענפארסירונג שריט.

### אויטאמאטישע אדמיניסטראטיווע ענפארסירונג שריט

**צוגעלייגטע סומע**

אייער טשיילד סופארט באצאלונגען קענען ווערן צייטווייליג געהעכערט מיט 50% העכער די געווענליכע באפעל סומע סיי ווען די באצאלונגען ווערן אונטערשטעליג. אויף א נייע באפעל, קען עס גלייך פאסירן וויבאלד טשיילד סופארט איז שולדיג פון די דאטום וואס די פעטיציע ווערט אריינגעגעבן אין געריכט, נישט די דאטום פון די הירינג.



**שטייער ריפאנד אפשניט**

אויב איר ערווארט צו באקומען א פעדעראלע אדער סטעיט איינקונפט שטייער ריפאנד, קען עס אנשטאט דעם געשיקט ווערן צו OCSS צו אויסצאלן שולדיגע טשיילד סופארט

- ניו יארק סטעיט שטייער ריפאנד אפשניט וועט פארקומען אויב מען איז שולדיג כאטש $50.
- פעדעראלע שטייער ריפאנד אפשניט וועט פארקומען איינמאל מען איז שולדיג כאטש דריי מאנאטן פון באצאלונגען און די שולדיגע סומע דערגרייכט $500 ($150 אויב מען איז שולדיג דעם חוב פאר DSS).
- די שטייער אפשניט סומע ווערט באשטימט אינעם יאר איידער די ריפאנד ווערט גענומען. אויב איר זענט מער נישט שולדיג געלט אינעם צייט וואס די ריפאנד ווערט גענומען, וועט איר צוריקבאקומען די געלט איינמאל OCSS באקומט די געלט פון די IRS אדער ניו יארק סטעיט שטייער און פינאנץ דעפארטמענט. דאס קען נעמען צווישן זעקס און אכט וואכן פון די צייט וואס איר ווערט געמאלדן אז אייער שטייער ריפאנד ווערט געשיקט צו OCSS.
- אויב מען האט אריינגעגעבן א געמיינזאמע שטייער ריפאנד, קען די מאן/ווייב וואס פארמאגט נישט פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט פאר'ן קינד אריינגעבן א באטראפענע מאן/ווייב (Injured Spouse) בויגן מיט די IRS און/אדער די ניו יארק סטעיט שטייער און פינאנץ דעפארטמענט צו פאדערן זיין אדער איר טייל פונעם ריפאנד. OCSS וועט האלטן די IRS ריפאנד פאר 6 מאנאטן כדי צו געבן פאר די באטראפענע מאן/ווייב א געלעגנהייט צו אריינגעבן א קלעים פאר א טייל פונעם שטייער ריפאנד. נאך 6 מאנאטן, וועט די גאנצע ריפאנד ווערן ארויפגעלייגט אויף די עלטערן אן זארגרעכט'ס אקאונט.

**לאטערי געווינס אפשטעל**

אויב איר געווינט $600 אדער מער אין די ניו יארק סטעיט לאטערי און זענט שולדיג כאטש $50 אין טשיילד סופארט חובות, קען די געווינס געלטער גיין פאר OCSS. עלטערן וועלכע זענען שולדיג טשיילד סופארט וועלן געמאלדן ווערן ווען זיי גייען אפנעמען זייער געווינס אויב א טייל דערפון אדער די גאנצע סומע ווערט גענומען פאר טשיילד סופארט חובות. אן אפיציעלע בריוו וועט נאכקומען אויף פאסט.

**באנק אקאונט צונעמונג**
**(באקאנט אלץ פראפערטי אויספיר [PROPERTY EXECUTION, PEX])**

אייערע באנק אקאונטס (סעיווינגס, טשעקינג, געלט מארקעט, סערטיפיקאט פון דעפאזיט, IRA'ס) און אנדערע פינאנציעלע פארמעגנס קענען ווערן געפרירט און צוגענומען צו באצאלן OCSS אויב איר זענט שולדיג כאטש צוויי מאנאטן פון אנגייענדע טשיילד סופארט און האט חובות פון כאטש $300.

- אויב איר באצאלט אנגייענדע טשיילד סופארט דורך אויטאמאטישע איינקונפט אראפרעכענונגען, וועט אייער באנק אקאונט געפרירט ווערן אויב די באלאנס איז $3,000 אדער מער.

- אויב איר באצאלט נישט קיין אנגייענדע טשיילד סופארט באצאלונגען דורך אוטאמאטישע איינקונפט אראפרעכענונגען, וועט אייער באנק אקאונט געפרירט ווערן אויב די באלאנס איז כאטש $25.
- אויב די געלטער אין אייער באנק אקאונט קומען פון סאושעל סעקיוריטי אינשורענס (SSI), קעש הילף, וועטעראנען אדמיניסטראציע דיסאביליטי פון מיליטערישע דינסט, טשיילד סופארט אדער אלימאני, קענען זיי נישט אוועקגענומען ווערן דורך OCSS.
- אין פאל פון א געמיינזאמע אקאונט, וועלן געוויסע בענק ארויסלאזן אלע געלטער וואס OCSS פארלאנגט. אנדערע בענק קענען פאדערן א געשריבענע דערקלערונג אונטערגעשריבן דורך ביידע צדדים צו ארויסלאזן האלב פון די אקאונט באלאנס פאר טשיילד סופארט חובות.

**דרייווער לייסענס סוספענדירונג**

דרייווער לייסענסעס קענען ווערן סוספענדירט אויב די סומע וואס מען איז שולדיג אין טשיילד סופארט קומט אויס צו אדער איז גרעסער ווי פיר מאנאטן פון די אנגייענדע טשיילד סופארט באפעל סומע און באצאלונגען ווערן נישט געמאכט דורך פעיראל אראפרעכענונגען. עלטערן אין זארגרעכט וועלכע באקומען סאושעל סעקיוריטי אינשורענס (SSI) אדער קעש הילף זענען אויסגעשלאסן פון דאס אז זייער דרייווער'ס לייסענס קען ווערן סוספענדירט. אויב איר באקומט א בריוו אז אייער לייסענס וועט ווערן סוספענדירט, קענט איר דאס אפהאלטן פון פאסירן דורך טון איינע פון די פאלגנדע:

- צאלן אלעס וואס איר זענט שולדיג.
- ארייגעבן ארבעט אינפארמאציע אז אייער ארבעטסגעבער זאל קענען נעמען באצאלונגען דירעקט פון אייער געהאלט.
- ארייגיין אין א באצאלונג אפמאך מיט OCSS צו באצאלן פאר די געריכט-באפוילענע סומע מיט א צוגעלייגטע 50% פאר חובות.
- אויפווייזן אז אייער איינקונפט איז נידריגער ווי די ניו יארק סטעיט זעלבסט-סופארט רעזערוו: https://www.childsupport.ny.gov/dcse/pdfs/CSSA.pdf.
- אויב סוספענדירונג פאסירט, קענט איר בעטן א באגרעניצטע דרייווער לייסענס פון די מאטאר וויהיקלס דעפארטמענט אייך צו ערלויבן צו פארן צו און צוריק פון אייער ארבעט.

**קרעדיט ביורא באריכטונג**

נעמען פון עלטערן אין זארגרעכט ווערן אריינגעגעבן צו גרויסע קאנסומער באריכטן אגענטורן ווען זיי זענען שולדיג כאטש $1,000 אין טשיילד סופארט אדער זענען צוויי מאנאטן אונטערשטעליג אין באצאלונגען, וועלכע עס פאסירט ערשט. דאס באריכטונג וועט לייגן א נעגאטיווע באמערקונג אויף די עלטערן'ס קרעדיט באריכט, וואס מאכט עס שווערער, אדער טייערער, צו באקומען א קרעדיט קארטל, מארגעדזש, אדער אנדערע סארט הלוואות.



**רעפערעל צום NYS אפטיילונג פון שטייער און פינאנץ**

קעיסעס ווערן געשיקט צו די ניו יארק סטעיט שטייער און פינאנץ דעפארטמענט פאר אידענטיפיקאציע און צונעמונג פון פארמעגנס אויב די שולדיגע סומע איז גרעסער ווי פיר מאנאטן פון די יעצטיגע טשיילד סופארט באפעל, איז כאטש $500, און מען האט נישט באקומען קיין טשיילד סופארט באצאלונגען אין די פארגאנגענע 45 טעג פון פעיראל אראפרעכענונגען. עלטערן אין זארגרעכט וועלכע באקומען SSI אדער קעש הילף זענען אויסגעשלאסן פון דעם פראצעדור.

**אפזאג פון נייע און באנייעטע פאספארטן**

עלטערן אין זארגרעכט ווערן געמאלדן פון פאראויס אז זייער טשיילד סופארט חוב ווערט באריכטעט פאר די United States דעפארטמענט אוו סטעיט (א פעדעראלע אגענטור). די סטעיט דעפארטמענט וועט אפזאגן אן אפליקאציע פאר א נייע אדער באנייעטע פאספארט אויב מען איז שולדיג כאטש $2,500 אין טשיילד סופארט. די פאספארט וועט נישט ווערן ארויסגעגעבן ביז די טשיילד סופארט חוב ווערט נישט געלעזט מיט OCSS.

**אפזאג אדער צייטווייליגע שענקונג פון NYC פראפעסיאנאלע לייסענסעס**

אפליקאציעס פאר נייע און באנייעטע ניו יארק סיטי פראפעסיאנאלע לייסענסעס וועלן ווערן אפגעזאגט, אדער וועט מען שענקען א צייטווייליגע זעקס-מאנאטיגע לייסענס, אויב דער וואס געבט זיך איין איז שולדיג טשיילד סופארט חובות פון כאטש פיר מאנאטן פון אנגייענדע טשיילד סופארט. ביישפילן פון ניו יארק סיטי לייסענסינג אגענטורן נעמען אריין:

- קאנסומער עפעירס דעפארטמענט
- טעקסי און לעמאוזין קאמיסיע
- פייער דעפארטמענט
- ניו יארק פאליציי דעפארטמענט

אפליקאנטן קענען באצאלן וואס זיי זענען שולדיג אדער אריינגיין אין אן אפמאך מיט OCSS כדי צו באקומען באשטעטיגונג אויף זייערע לייסענס אפליקאציעס. אויב איר האט פראבלעמען מיט באקומען א NYC פראפעסיאנאלע לייסענס צוליב אן אומבאצאלטע טשיילד סופארט חוב:

- באזוכט די OCSS קאסטומער סערוויס אריינשפאציר צענטער אויף 151 West Broadway צווישן 8 אזייגער אינדערפרי און 6 אזייגער נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג (אויסער חגאות), אדער
- שיקט אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us אויף OCSS צו בעטן א טעלעפאנישע אפוינטמענט, און מאכט זיכער צו שרייבן אייער נאמען, קעיס נומער, טעלעפאן נומער, און בעסטע צייטן אייך צו כרופן.

## געזעצליכע ענפארסירונג שריט/פארלעצונג פעטיציע

**פארלעצונג פעטיציע**

ווען אדמיניסטראטיווע ענפארסירונג מיטלען העלפן נישט צו באקומען טשיילד סופארט, קען מען אריינגעבן א פארלעצונג פעטיציע אין פאמיליע געריכט דורך די עלטערן מיט זארגערעכט אדער OCSS (פאר עלטערן אן זארגערעכט וועלכע זענען שולדיג טשיילד סופארט חובות פאר DSSS). א פארלעצונג הירינג וועט ברענגען צו:

- **געלט אורטייל:** טשיילד סופארט חובות ווערן באשטימט דורך די געריכט אויף א ספעציפישע סומע וואס זאמלט אן 9% אינטערעסט א יאר ביז עס ווערט אפגעצאלט.

אין צוגאב, קען די הירינג ברענגען צו:

- **ליען:** א ליען קען ווערן ארויפגעלייגט אויף די עלטערן אן זארגערעכט'ס פראפערטי, וואס פאדערט אז די טשיילד סופארט חוב מוז ווערן באצאלט איידער די פראפערטי קען ווערן פארקויפט אדער אריבערגעפירט.
- **קעש דעפאזיט:** די עלטערן אן זארגערעכט קען ווערן פארלאנגט צו אריינגעבן געלט (ביז דריי יאר' ווערד פון באצאלונגען) פון פאראויס פאר צוקונפטיגע טשיילד סופארט. באצאלונגען קענען ווערן ארויסגענומען פון דעם דעפאזיט אויב די עלטערן אן זארגערעכט פארפעלט צו באצאלן טשיילד סופארט רעגלמעסיג. אויך אנגערופן קעש באנד (Cash Bond) אדער קעש אונטערנעמונג (Cash Undertaking).
- **ארעסט/ איינשפארונג:** די געריכט קען ארויסעבן אן ארעסט פאדערונג אויב די עלטערן אן זארגערעכט פארפעלט צו ערשיינען אין געריכט פאר א פארלעצונג הירינג. אין געוויסע פעלער פון בייזוויליג נישט באצאלן טשיילד סופארט, קען די עלטערן אן זארגערעכנט דארפן גיין אין טורמע פאר ביז זעקס מאנאטן. בייזוויליג נישט באצאלן מיינט אז די עלטערן אן זארגערעכט קען זיך ערלויבן צו באצאלן טשיילד סופארט אבער וועלט אויס נישט צו, אדער האלט זיך בייזוויליג צוריק פון ארבעטן, אדער פירט אריבער געלט כדי אויסצומיידן צו באצאלן.
- **סוספענדירונג פון סטעיט-ארויסגעגעבענע פראפעסיאנעלע, ביזנעס, און ארבעט לייסענסעס:** פאמיליע געריכט קען פארשלאגן פאר די פאסיגע לייסענסינג באורד צו סוספענדירן די סטעיט ארויסגעגעבענע לייסענסעס פון עלטערן אן זארגערעכט וועלכע זענען שולדיג געלט פון טשיילד סופארט אין א ווערד פון פיר מאנאטן פון אנגייענדע סופארט אדער מער. ביישפילן פון ארבעט וועלכע מוזן זיין רעגיסטרירט אדער מיט א לייסענס דורך ניו יארק סטעיט נעמט אריין שערערס, פיזישע טעראפיסטן, אדוואקאטן, און דאקטוירים.



**אנטיילנעמונג אין עלטערן הילף פראגראם (PSP)**

ווען אן עלטערן אן זארגערעכט איז ארבעטסלאז אדער האט אן ארבעט וואס באצאלט ווייניג, אדער ארבעט נישט גענוג שעות צו באצאלן טשיילד סופארט, קען דער סופארט מאגיסטראט זיי באפעלן אנטייל צו נעמען אין PSP, וואס העלפן עלטערן אן זארגערעכט טרעפן ארבעט וואס וועט זיי ערמעגליכן צו באצאלן טשיילד סופארט אדער קען מען זיי שיקן צו די פראובעישין דעפארטמענט (Department of Probation, DOP).

**רעפערעל פאר קרימינאלע ליטיגאציע**

OCSS קען פאדערן קרימינאלע ליטיגאציע פון אן עלטערן אן זארגערעכט דורך די United States אטורני'ס אפיס אדער די לאקאלע דיסטריקט אטורני'ס אפיס ווען עס ווערט פעסטגעשטעלט אז מען האט בייזוויליג נישט באצאלט טשיילד סופארט, מען איז שולדיג מערקווערדיגע געלטער, און אנדערע ענפארסירונג שריט האבן נישט געהאלפן.



## אפשטעלן די טשיילד סופארט באפעל

אין ניו יארק סטעיט, ווען איר דארפן באצאלן טשיילד סופארט ביז דאס קינד ווערט זעלבסטשטענדיג, געווענליך ווען זיי ווערן 21, אויסער אויב די געריכט באפעלט עפעס אנדערש. באפעלן קענען ווערן פארלענגערט ווייטער ווי 21 יאר פאר עדיוקעישענאל אדער מעדיצינישע צוועקן. א באפעל קען ווערן אפגעשטעלט דורך פאמיליע געריכט איידער דאס קינד דערגרייכט 21 יאר אויב איינע פון די פאלגנדע פאסירן:

- דאס קינד ווערט זעלבסטשטענדיג. דאס קינד ציעט זיך ארויס און האלט זיך אליינס אויס, ווערט פארהייראט, אדער שליסט זיך איין אינעם מיליטער.
- איר באקומט זארגרעכט איבער דאס קינד. אין אזא פאל, קען די אנדערע עלטערן מעגליך ווערן באפוילן באצאלן טשיילד סופארט פאר אייך.
- איר ציעט זיך אריין און פארעמט איין הויזגעזונד מיט די עלטערן מיט זארגרעכט און קינד.

איינמאל די יעצטיגע באפעל ווערט אפגעשטעלט, קענט איר נאכאלץ מעגליך זיין שולדיג טשיילד סופארט פאר די עלטערן מיט זארגרעכט אדער די סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט אויב איר האט נישט אויסגעצאלט אלע אייערע באצאלונגען און זענט שולדיג געלט. די באצאלונג מוז פארזעצן ביז די גאנצע טשיילד סופארט חוב ווערט אפגעצאלט.



## טשיילד סופארט אינפארמאציע/קעיס הילף

אויב איר האט פראגעס וועגן די טשיילד סופארט פראגראם, דארפט הילף מיט אייער טשיילד סופארט קעיס, אדער דארפט צושטעלן נאך אינפארמאציע צו די OCSS ווי למשל א נייע ארבעטסגעבער אדער א טויש אין אדרעס:

אימעילט די HRA אפיס פאר טשיילד סופארט סערוויסעס קאסטומער סערוויס אויף dcse.cseweb@dfa.state.ny.us

שרייבט אייער גאנצע נאמען, טשיילד סופארט קעיס ID, און געבורטס דאטום. ביטע שרייבט א דעטאלירטע סובדזשעקט און דעטאלן אין אייער אימעיל כדי די שטאב זאל אייך קענען געבן א גרונטליכע ענטפער.

צו באשטעלן א טעלעפאן אפוינטמענט מיט א קאסטומער סערוויס פארשטייער, ביטע שיקט אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us.

ביטע שטעלט צו אייער גאנצע נאמען, טשיילד סופארט קעיס ID, געבורטס דאטום, א שילדערונג פון אייער זארג(ן), טעלעפאן נומער, און די בעסטע צייט אייך צו רופן. שרייבט אריין "Requesting a Customer Service Appointment" אלס די סובדזשעקט פון אייער אימעיל. טעלעפאן אפוינטמענט פארלאנגען וועלן באקומען אן ענטפער ביז 3 ביזנעס טעג.

באזוכט די HRA OCSS קאסטומער סערוויס וואלק-אין צענטער אדער א פאמיליע געריכט אפיס. לאקאציעס קענען ווערן געפונען אויף https://on.nyc.gov/contactocss.

באזוכט די HRA OCSS וועבזייטל אויף https://nyc.gov/hra/ocss צו לערנען מער וועגן טשיילד סופארט סערוויסעס.

רופט די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט הילף ליניע אויף 888-208-4485.

שיקט פאסט קארעספאנדענץ צו:
OCSS
PO Box 830
Canal Street Station
New York, NY 10013



### אנליין ריסאורסעס

ניו יארק סיטי אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS)
nyc.gov/hra/ocss

זעט טשיילד סופארט ווידעאס
youtube.com/hranyc

ניו יארק סיטי אפיס פון פינאנציעלע פארשטערקערונג
אומזיסטע פינאנציעלע קאונסעלינג און עדיוקעישן
nyc.gov/ofe

ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טשיילד סופארט סערוויסעס,
קוקט איבער אייער אקאונט אינפארמאציע*
childsupport.ny.gov

ניו יארק סטעיט יוניפייד געריכט סיסטעם
nycourts.gov

NYC Access HRA טשיילד סופארט מאביל עפפ
http://www.nyc.gov/childsupportmobile

LDSS-5171 (Rev. 04/21)

# אנערקענונג פון עלטערנשאפט

**(ביטע טייפ'ט אדער שרייבט קלאר מיט שווארצע טינט.)**

רעקארדירטע דיסטריקט ____ שפיטאל קאוד ____ רעגיסטרירונג נומער ____

**צייכנט וואו עס איז אונטערגעשריבן:** ☐ שפיטאל ☐ טשיילד סופארט פראגראם אפיס ☐ געבורט רעגיסטאר ☐ עפעס אנדערש

## קינד

**ערשטע נאמען** ____ **מיטלסטע נאמען** ____ **לעצטע נאמען** ____

**דזשענדער** ☐ פרוי ☐ מאן ☐ נאן-ביינערי/אנדערע

**דאטום פון געבורט** *(יאר/טאג/מאנאט)* ____/____/____

**אנשטאלט פון געבורט** ____ **סיטי פון געבורט** ____ **קאונטי/באראו פון געבורט** ____

אויב די קינד'ס געבורט סערטיפיקאט איז שוין אריינגעגעבן געווארן און איר ווילט טוישן די קינד'ס לעצטע נאמען, פולט אויס די פאלגנדע אפטיילונג:

**לעצטע נאמען אויפ'ן אריגינעלע געבורט סערטיפיקאט** ____ **נייע לעצטע נאמען** ____

מיר פארשטייען אז אונטערשרייבן די אנערקענונג פון עלטערנשאפט איז פרייוויליג און וועט פעסטשטעלן עלטערנשאפט פון אונזער קינד מיט די זעלבע קראפט און רעזולטאט ווי א באפעל פון עלטערנשאפט אריינגעגעבן נאך א געריכט הירינג אריינגערעכנט א פאראנטווארטליכקייט צו צושטעלן סופארט פאר אונזער קינד אויסער אז, בלויז אויב דער אנערקענונג פון עלטערנשאפט ווערט אריינגעגעבן מיט די רעגיסטראר וואו די געבורט סערטיפיקאט איז אריינגעגעבן, וועט דער אנערקענונג פון עלטערנשאפט האבן די פולע קראפט און רעזולטאט ווען עס קומט צו ירושה רעכטן. מיר האבן באקומען געשריבענע און מינדליכע מעלדונג איבער אונזערע לעגאלע רעכטן (אריינגערעכנט די צייט באגרעניצונגען צוריקצוציען), פאראנטווארטליכקייטן, אנדערע אויסוואלן און די רעזולטאטן פון אונטערשרייבן די אנערקענונג פון עלטערנשאפט, און מיר פארשטייען וואס די מעלדונג מיינט. מיר האבן באקומען א קאפיע פון די געשריבענע מעלדונג. מיר באשטעטיגן אז די אינפארמאציע וואס מיר שרייבן אונטן איז ריכטיג.

## געבורט עלטערן

**ערשטע נאמען** ____ **מיטלסטע נאמען** ____ **לעצטע נאמען** ____

**גאס אדרעס** ____ **שטאק/אפארטמענט** ____ **סיטי** ____ **סטעיט** ____ **זיפקאוד** ____

**דאטום פון געבורט** *(יאר/טאג/מאנאט)* ____/____/____ **סאושעל סעקיוריטי נומער** ____-____-____

**זענט איר געווען פארהייראט אין די צייט פון די געבורט?** ☐ יא ☐ ניין

איך געב דא מיין צושטימונג אויף די אנערקענונג פון עלטערנשאפט פאר מיין קינד וועמענס נאמען שטייט אויבן און באשטעטיג אז דער מענטש וועמענס נאמען שטיין אונטן איז די איינציגסטע מעגליכע אנדערע גענעטישע עלטערן, אדער איז א פארגעשטעלטע עלטערן און דאס קינד איז געשאפן געווארן דורך ארויסגעהאלפענע ריפראדאקשן.

**אונטערשריפט** ____ **דאטום** *(יאר/טאג/מאנאט)* ____/____/____

**עדות אפטיילונג**
*(פאדערט צוויי עדים; עדים טארן נישט זיין קרובים פון קיין איינע פון די עלטערן)*

**אונטערשריפט פון עדות** ____ **נאמען פון עדות געשריבן קלאר** ____ **דאטום** *(יאר/טאג/מאנאט)* ____/____/____

**אונטערשריפט פון עדות** ____ **נאמען פון עדות געשריבן קלאר** ____ **דאטום** *(יאר/טאג/מאנאט)* ____/____/____

## אנדערע עלטערן

**ערשטע נאמען** ____ **מיטלסטע נאמען** ____ **לעצטע נאמען** ____

**גאס אדרעס** ____ **שטאק/אפארטמענט** ____ **סיטי** ____ **סטעיט** ____ **זיפקאוד** ____

**סיטי פון געבורט** ____ **סטעיט/פראווינץ פון געבורט** ____ **לאנד פון געבורט** ____

**דאטום פון געבורט** *(יאר/טאג/מאנאט)* ____/____/____ **סאושעל סעקיוריטי נומער** ____-____-____

**זענט איר דער גענעטישע/ביאלאגישע פאטער פונעם קינד?** ☐ יא ☐ ניין

איך באשטעטיג דא אז איך בין די גענעטישע אדער פארגעשטעלטע עלטערן פונעם קינד וועמענס נאמען שטייט אויבן.

**אונטערשריפט** ____ **דאטום** *(יאר/טאג/מאנאט)* ____/____/____

**עדות אפטיילונג**
*(פאדערט צוויי עדים; עדים טארן נישט זיין קרובים פון קיין איינע פון די עלטערן)*

**אונטערשריפט פון עדות** ____ **נאמען פון עדות געשריבן קלאר** ____ **דאטום** *(יאר/טאג/מאנאט)* ____/____/____

**אונטערשריפט פון עדות** ____ **נאמען פון עדות געשריבן קלאר** ____ **דאטום** *(יאר/טאג/מאנאט)* ____/____/____

## For Official Use Only

**The above Acknowledgment of Parentage is hereby filed with the** ____ **registrar on** ____

If this document is to amend a birth certificate, I certify that I have examined the original record this seeks to amend and the information on this document matches. There are no omissions or apparent errors that render it unacceptable for amending the birth record. This document is therefore approved.

**State Registrar/Deputy City Registrar signature** ____ **Date** *(MM/DD/YYYY)* ____



LDSS-5171 (Rev. 04/21)
New York State Office of Temporary and Disability Assistance
New York State Department of Health
Pursuant to Section 4135-b of Public Health Law

## געבורט עלטערן

**נאמען** ____

**גאס אדרעס** ____

**שטאק/אפארטמענט** ____ **סיטי** ____ **סטעיט** ____ **זיפקאוד** ____

פאסט אדרעס פון **געבורט עלטערן** מוז ווערן דא געשריבן

## אנדערע עלטערן

**נאמען** ____

**גאס אדרעס** ____

**שטאק/אפארטמענט** ____ **סיטי** ____ **סטעיט** ____ **זיפקאוד** ____

פאסט אדרעס פון **אנדערע עלטערן** מוז ווערן דא געשריבן

## געמיט דאונאר (Gamete Donor) *(אויב שייך)*

**נאמען** ____

**גאס אדרעס** ____

**שטאק/אפארטמענט** ____ **סיטי** ____ **סטעיט** ____ **זיפקאוד** ____

פאסט אדרעס פון **געמיט דאונאר**, אויב באקאנט, מוז ווערן דא געשריבן דא

# ביישפיל טשיילד סופארט באפעל

**טייל A**

F.C.A. טייל 413, 416, 433, 438,
439, 440,442-447, 471; ארטיקל 5-B,

פאמיליע געריכט אקט געזעצן וועלכע פירן די געריכט הירינג

4-7 11/2002 — בויגן נומער און דאטום ווען ארויסגעגעבן

ביי א טערמין פון די פאמיליע געריכט פון די
סטעיט פון ניו יארק, געהאלטן אין און פאר די
קאונטי פון Richmond, ביי 100 Richmond
Terrace, Staten Island, NY 10301, אוים
אקטאבער 4, 2004

געריכט אדרעס און הירינג דאטום

**טייל B**

**אנוועזנד: פאמיליע געריכט,** סופארט מאגיסטראט
אינעם ענין פון א סופארט פארהאנדלונג

**עלטערן מיט זארגרעכט,** SSN: XXX-XX-XXXX,
אנקלעגער,

– קעגן –

**עלטערן אן זארגרעכט,** SSN: XXX-XX-XXXX,
רעספאנדענט.

צדדים פארמישט

**פייל נומער:** XXXXX
**דאקעט נומער:** F-XXXXX-XX
**CSMS נומער:** XXXXXXXXX

טשיילד סופארט קעיס און געריכט אידענטיפיצירנדע אינפארמאציע

**באפעל פון סופארט** — סארט באפעל

**טייל C**

מעלדונג: אייער בייזוויליגע דורכפאל צו איספאלגן דעם באפעל קען פירן צו ווערן איינגעשפארט פאר קרימינאלע נישט-שטיצן אדער חוצפה. אייער דורכפאל מיט'ן איספאלגן דעם באפעל קען פירן צו סוספענדירונג פון אייער דרייווער'ס לייסענס, סטעיט ארויסגעגעבענע פראפעסיאנאלע, האנדל, ביזנעס און ארבעטס לייסענסעס און פארוויילונג און אונטערהאלטונג לייסענסעס און פערמיטס; און ארויפלייגן ריעל עסטעיט אדער פערזענליכע פראפערטי ליענס.

ספעציפישע געשריבענע קעגנשטעלונגען צו דעם באפעל מוזן ווערן איינגעגעבן צו דעם געריכט ביז 30 טעג פונעם דאטום וואס דער באפעל איז ערהאלטן געווארן אין געריכט אדער דורך פערזענליכע סערוויס, אדער אויב דער באפעל איז ערהאלטן געווארן אויף פאסט, ביז 35 טעג פון ווען מען האט ארויסגעשיקט דעם באפעל.

ארייגעבן א קעגנשטעלונג

**טייל D**

דער אויבנדערמאנטן אנקלעגער האט אריינגעגעבן א פעטיציע אין דעם געריכט אוים יוני 22, 2004,
זאגנדיג אז **עלטערן אן קאסטאדי** איז פאראנטווארטליך פאר די סופארט פון:

| **נאמען** | **דאטום פון געבורט** |
|---|---|
| **קינד'ס נאמען** | **XX/XX/XXXX** |

**עלטערן אן זארגרעכט** איז ערשינען אין דעם געריכט צו ענטפערן דאס פעטיציע, יאז דערוויסנד געווארן דורכן געריכט וועגן די רעכט פאר קאונסעל, און צו צייגן פארוואס א באפעל פון סופארט און אנדערע רעליעף געהאפט פאר אינעם פעטיציע זאל נישט ווערן געשאנקען; און **עלטערן אן זארגרעכט** האט מודה געווען צו די באשולדיגונג קלאגעס פונעם פעטיציע; און דעם ענין איז געקומען צו ווערן געהערט פאר דעם געריכט;

יעצט, נאכ'ן איבערקוקן און זיך נאכפרעגן איבער די פאקטן און אומשטענדן פונעם קעיס און הערן די באווייז און עדות צוגעשטעלט דערמיט, געפינט דער געריכט אז: **עלטערן אן זארגרעכט** איז דער צד אן זארגרעכט, וועמנס אויסגערעכנטע טייל פון די איינפאכע טשיילד סופארט פארפליכטונג איז $XX.XX וועכנטליך פאר די פאלגנדע קינד:

| **קינד נאמען** | **דאטום פון געבורט** | **סאושעל סעקיוריטי #** |
|---|---|---|

און דער געריכט געפינט ווייטער אז: די צד אן זארגרעכט'ס אויסגערעכנטע טייל פון די איינפאכע טשיילד סופארט פאראנטווארטליכקייט איז נישט אומ'יושר'דיג און נישט אומפאסיג;

**טייל E**

עלטערן אן זארגרעכט איז יעצט ארבעטסלאז; — **עלטערן אן זארגרעכט'ס ארבעט סטאטוס**
יעצט, נאכן איבערקוקן און זיך נאכפרעגן איבער די פאקטן און אומשטענדן פונעם קעיס און נאכ'ן הערן די באווייז און עדות צוגעשטעלט אין פארבינדונג, ווערט עס

באפוילן און באשטימט אז אנגעהויבן פון יאנואר 28, 2005, **איז די עלטערן אן זארגרעכט** שולדיג פאר די סופארט פון די פאלגנדע מענטשן(ן) און פארמאגט גענוג געלט און האט דאס מעגליכקייט צו פארדינען די געלטער צו קענען צושטעלן די באצאלונגען אינעם סומע פון XX.XX$ יעדע וואך פאר **עלטערן מיט זארגרעכט** דורך סערטיפייד טשעק אדער מאני ארדער צו ווערן באצאלט פאר די סופארט זאמלונג אײנהייט, (Support Collection Unit) וואס די באצאלונגען זאלן זיך אנהויבן יאנואר 28, 2005, פאר די סופארט פון די **עלטערן אן קאסטאדיס** קינדער, איינגעטיילט ווי פאלגנד:

גילטיגע דאטום פון די טשיילד סופארט באפעל (אייער דאטום וועט זיין אנדערש)

דער מענטש וואס באקומט די טשיילד סופארט באצאלונגען

**צייכנט פאסיגע קעסטל:**
☐ באפעל ארויסגעשיקט אויף [רעכנט אויס דאטום(ס) און צו וועמען געשיקט]: __________________
☐ באפעל ערהאלטן אין געריכט אויף [רעכנט אויס דאטום(ס) און צו וועמען געגעבן]:_______________



דאקעט נומער: F-XXXXX-XX
4-7

**טייל E פארגעזעצט**

| נאמען קינדער קינד | סאשעל סעקיוריטי # | דאטום פון געבורט | סומע |
|---|---|---|---|
| | | XX/XX/XXXX | |
| | | סך הכל טשיילד סופארט: | $XX.XX א וואך |

באפוילן אז דער באצאלער, צד מיט זארגרעכט און סיי וועלכע אנדערע אינדיווידועלע צדדים זאלן גלייך לאזן וויסן פאר די סופארט זאמלונג איינהייט איבער ענדערונגען אין די פאלגנדע אינפארמאציע: וואוינונג און פאסט אדרעסן, סאושעל סעקיוריטי נומער, טעלעפאן נומער, דרייווער'ס לייסענס נומער; און נאמען, אדרעס און טעלעפאן נומערן פון די צדדים'ס ארבעטסגעבערס און סיי וועלכע טויש פון העלט אינשורענס בענעפיטן, אריינגערעכנט אן אפשטעל פן בענעפיטן, טויש אין העלט אינשורענס בענעפיטן פירמע אדער פרימיום, אדער פארנעם און צוגענגליכקייט פון אנגייענדע אדער נייע בענעפיטן, און עס ווערט ווייטער

מעלדונג צו לאזן וויסן פאר'ן אגענטור איבער סיי וועלכע טויש אין אייער וואוינונג, ארבעט, א.ד.ג.

באפוילן אז דער באפעל זאל ווערן ענפארסירט אין איינקלאנג מיט טייל 5241 אדער 5242 פון די ציווילע פראקטיס געזעץ און אנווייזונגען, אדער אין סיי וועלכע אנדערע וועג צוגעשטעלט דורכן געזעץ; און עס ווערט ווייטער

באפוילן אז **עלטערן אן זארגרעכט** זאלן באצאלן נאך אויסגאבען ווי פאלגנד:

| אויסגאבע/באצאלטער | באצאלונג | באצאלט צו |
|---|---|---|
| אומצוריקבאצאלטע געזונטהייט פארבינדענע/ **עלטערן מיט זארגרעכט** | % XX | דורך SCU |
| טשיילד קעיר/ **עלטערן מיט זארגרעכט** | % XX | דירעקט |

אויסגאבן אין צוגאב צו די באזע טשיילד סופארט סומע:
- מעדיציניש
- טשיילד קעיר
- עדיוקעישאן

**טייל F**

עס איז ווייטער באפוילן אז אלע באצאלונגען וועלכע ווערן באצאלט דורך די סופארט זאמלונג איינהייטן זאלן געשיקט ווערן אויף פאסט צו: Support Collection Unit, PO Box 15363, Albany, NY 12212- 5363;

וואו צו שיקן באצאלונגען ביז זיי קומען דורך אייער ארבעט

עס ווערט ווייטער באפוילן אז די סופארט זאמלונג איינהייט זאל גלייך שיקן א קאפיע פון דעם באפעל צו די ניו יארק סטעיט רעגיסטרי פון טשיילד סופארט באפעלן אוועקגעשטעלט אין איינקלאנג מיט טייל 111-b(4-a) פון די סאושעל סעקיוריטי סערוויסעס געזעץ; און עס ווערט ווייטער באפוילן אז דאס איז א XX$ פער וואך באפעל פון סופארט פון 10/8/04 ביז עס איז געהעכערט געווארן אום 1/28/05.

סיכום פון געריכט געפינסן

**טייל G**

באמערקונג(1) : דאס באפעל פאר טשיילד סופארט וועט ווערן צוגעפאסט דורך די אפליקאציע פון א קאסט פון לעבנס טוישן אונטער די אויפזיכט פון די סופארט זאמלונג איינהייט נישט פריער ווי פיר-און-צוואנציג מאנאטן נאך די באפעל ווערט ארויסגעגעבן, לעצט געטוישט אדער לעצט צוגעפאסט, לויט די פארלאנג פון סיי וועלכע צד איבער די באפעל אדער לויט פאראגראף (2) אונטן. נאכן אריינגעבן אן אפליקאציע איבער א קאסט פון לעבנס טוישן ווי אנגעוויזן דורך סופארט זאמלונג אייהייט, וועט א צוגעפאסטע באפעל געשיקט ווערן צו די צדדים וועלכע, אויב זיי שטעלן זיך קעגן די קאסט פונעם לבנס טויש, זאלן האבן פינף-און-דרייסי (35) טעג פון די דאטום ווען מען שיקט עס ארויס אריינצוגעבן א געשריבענע קעגנשטעלונג צו דער געריכט וואס שטייט אויסגערעכנט אויפ'ן צוגעפאסטע באפעל. נאכן באקומען דעם געשריבענע קעגנשטעלונג, זאל דער געריכט באשטימען א צייט פאר א הירינג אין וואס ביידע צדדים קענען זיין אנוועזנד צו פארלייגן באווייז מיט וואס דער געריכט זאל זיך רעכענען ביים צופאסן די טשיילד סופארט באפעל אין איינקלאנג מיט די טשיילד סופארט סטאנדארטן אקט.

קאסט פון לעבנס צופאסונגען (COLA)

(2) איינע וואס באקומט פאמיליע הילף וועט מען איבערקוקן זייער טשיילד סופארט באפעל און עס צופאסן לויט ווי די סופארט זאמלונג איינהייט זאגט אן נישט פריער ווי פיר-און-צוואנציג מאנאטן נאך דער באפעל איז ארויסגעגעבן געווארן, לעצט געטוישט געווארן אדער לעצט געטוישט געווארן אן א שפעטערע אפליקאציע פון איינע פון די צדדים. אלע צדדים וועל באקומען מעלדונג פון צוגעפאסטע געפינסן.

(3) וואו סיי וועלכע צד געבט נישט אריין, און מעלדט נישט איבער א טויש, פאר די סופארט זאמלונג איינהייט א הייגטיגע אדרעס צו וואו א צוגעפאסטע באפעל קען ווערן געשיקט, לויט ווי פארלאנגט אין טייל 443 פון די פאמיליע געריכט אקט, זאל די סופארט סומע פאראנטווארטליכקייט דארט אויסגערעכנט ווערן א חוב און שולדיג אויפ'ן דאטום ווען די ערשטע באצאלונג איז שולדיג אונטער די טערמינען פון די באפעל פון סופארט וואס איז געווארן איבערגעקוקט און צוגעפאסט אויף אדער נאך די גילטיגע דאטום פון די באפעל אפגעזען פון אויב דער צד האט באקומען א קאפיע פון די צוגעפאסטע באפעל אדער נישט.

מיט'ן דאטום: אקטאבער 4, 2004

איינטריט
**פאמיליע געריכט, סופארט מאגיסטראט**

נאמען און זיגל פון סופארט מאגיסטראט

**צייכנט פאסיגע קעסטל:**
☐ באפעל ארויסגעשיקט אויף [רעכן אויס דאטום(ס) און צו וועמען געשיקט]: __________________
☐ באפעל ערהאלטן אין געריכט אום [רעכן אויס דאטום(ס) און צו וועמען געגעבן]:_______________

# ליסטע פון ווערטער פון טשיילד סופארט

## A

**פעלנדע עלטערן:** מענטש וואס פעלט פונעם שטוב און איז לעגאל פאראנטווארטליך צו צושטעלן פינאנציעלע שטיצע פאר א דעפענדענט קינד (אויך אנגערופן די עלטערן אן זארגרעכט, נישט איינוואוינער עלטערן, און רעספאנדענט אין געריכט).

**רעכענונג:** סומע פון טשיילד סופארט באצאלונגען וועלכע זענען שוין שולדיג. (זעט אויך "חובות").

**אנערקענונג פון עלטערנשאפט (AOP):** בויגן וואס באשטימט דאס עלטערנשאפט (לעגאלע פאטערשאפט) פון א קינד דורך א פרייוויליגע פראצעדור, אן גיין אין געריכט. עס מוז ווערן אויסגעפולט און אונטערגעשריבן דורך ביידע עלטערן.

**צוגעקומענע סומע (אויך אנגערופן צוגעלייגטע סומע):** סומע צו ווערן געצאלט דורך איינקונפט אויספיר אין צוגאב צו די געריכט באפוילענע פאראנטווארטליכקייט צו צוריקצאלן דיטשיילד סופארט חוב.

**ADJOURNMENT (אפשטופונג):** צייטווייליגע אפשטופונג פון א הירינג ביז א ספעציפישע דאטום אינעם צוקונפט.

**אדמיניסטראטיווע פראצעדור:** מיטל דורך וואס סופארט באפעלן ווערן ענפארסירט דורך OCSS אנשטאט דורך די געריכט און ריכטערס.

**אפידאוויט:** שריפטליכע דערקלערונג פון פאקטן געמאכט פרייוויליג געשוואוירענערהייט.

**פארטיילטע טשיילד סופארט באפעל:** באפעל וואס רעכנט אויס די סומע צו ווערן באצאלט פאר יעדע קינד.

**חובות:** סומע פון טשיילד סופארט וואס איז שוין שולדיג און נישט באצאלט.

**פארטיילונג פון סופארט רעכטן:** פאדערונג פון אן אפמאך דורך א מענטש וואס באקומט קעש הילף צו צוריקגעבן צו די סטעיט סיי וועלכע טשיילד סופארט באצאלונגען ערהאלטן אין אויסטויש פון קעש הילף און אנדערע בענעפיטן.

## B

**הויפט טשיילד סופארט פאראנטווארטליכקייט:** סומע פון טשיילד סופארט באפעל באזירט אויף א באשטימטע פראצענט פון עלטערן פארדינסט, פאר מעדיצינישע הילף און אויסגאבן פאר טשיילד קעיר, און/אדער עדיוקעישאנעל אויסגאבן ווערן צוגעלייגט.

**באנוס באצאלונג:** קעש הילף ערהאלטער מיט טשיילד סופארט באפעלן קענען באקומען ביז $100 א מאנאט (אדער $200 פאר צוויי אדער מער קינדער וועלכע באקומען טשיילד סופארט) פון די טשיילד סופארט געזאמלט אין די זעלבע מאנאט וואס עס איז שולדיג. (זעט אויך דורכגאנג באצאלונג [Pass-Through Payment]).

**יאך פון באווייז:** פליכט פון א צד צו פראדוצירן באווייז אויף א גרעסערע פארנעם אויף א געוויסע פונקט.

## C

**קעש הילף:** רעגירונג בענעפיט וואס שטעלט צו פינאנציעלע הילף פאר זייער נידריגע-איינקונפט מענטשן און פאמיליעס, אנגעפירט אין ניו יארק סיטי דורך די HRA (יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע). קעש הילף ווערט געשיקט צו קליענטן עלעקטראניש דורך EBT (עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער).

**קעש אונטערנעמונג:** אלס רעזולטאט פון א געריכט הירינג, קען אן עלטערן אן זארגרעכט ווערן באפוילן צו באצאלן א קעש דעפאזיט צום OCSS סופארט זאמלונג איינהייט פון ביז דריי יאר ווערט פון טשיילד סופארט באצאלונגען. באצאלונגען קענען ווערן ארויסגענומען פון דעם דעפאזיט אויב די עלטערן אן זארגרעכט פארפעלט צו באצאלן טשיילד סופארט רעגלמעסיג.

**טויש פון אומשטענדן:** אן אומערווארטעטע טויש אין עלטערן אן זארגרעכט'ס פינאנציעלע צושטאנד צוליב שאדן, קראנקהייט, אדער פלוצלונגדיגע פארלוסט פון ארבעט וואס אפעקטירט זייער מעגליכקייט צו באצאלן די געריכט-באפוילענע טשיילד סופארט; א סיבה זיך צו איינגעבן אין געריכט פאר א טויש אויף אראפ.

**טויש פון באצאלטער:** ערלויבט פאר פריוואטע טשיילד סופארט באצאלונגען צו ווערן געשיקט צו OCSS פאר פראצעסירונג, האלטן רעקארדס, פארטיילונג און ענפארסירונג.

**טשיילד סופארט סטאנדארטן אקט (CSSA):** לעגיסלאציע איינגעפירט אין 1989 צו מאכן טשיילד סופארט באפעלן יושר'דיג און אייניג דורכאויס ניו יארק סטעיט דורך מאכן א סטאנדארט פארמולע צו אויסרעכענען באזע טשיילד סופארט באפעלן.

**COLA (קאסטן פון לעבן צופאסונג):** העכערונג פון א טשיילד סופארט באפעל, אן א געריכט הירינג. COLA איז באזירט אויף טוישונגען אין די קאנסומער פרייז אינדעקס פאר אלע ארבעטער קאנסומערן (CPI-U), וואס גייט נאך פרייזן פון טאג-טעגליכע לעבנס אויסגאבן אזוויי עסנווארג, קליידונג, האוזינג, א.ד.ג.

**אייניגע יוריסדיקציע:** א באפעל וואס ערלויבט מער פון איין געריכט צו מאכן באשלוסן איבער און טוישן זאכן אויף א טשיילד סופארט באפעל. דאס קען פאסירן מיט ניו יארק סטעיט הויכע געריכט און פאמיליע געריכט.

**קאנסומער קרעדיט באשיצונג אקט (CCPA):** פעדעראלע געזעץ וואס באגרעניצט די סומע וואס קען ווערן צוריקגעהאלטן פון פארדינסטן; עס נעמט אין באטראכט נעט איינקונפט נאך פארלאנגטע שטייערן ווערן אראפגערעכנט, די סומע פון חובות שולדיג, און אויב נאך א פאמיליע ווערט אויסגעהאלטן.

**געריכט באפעל:** לעגאל פארפליכטנדע דאקומענט ארויסגעגעבן דורך א געריכט פון געזעץ. א געריכט באפעל פארבינדן מיט טשיילד סופארט וואס רעכנט אריין ווי אפט, וויפיל, ווי לאנג, און וועלכע סארט סופארט די עלטערן אן זארגרעכט מוז באצאלן און אויב אן ארבעטסגעבער מוז צוריקהאלטן די סופארט פון זייער געהאלט.

**CPI-U (קאנסומער פרייז אינדעקס פאר אלע אורבען קאנסומערס):** גייט נאך פרייזן פון זאכן אזוויי עסנווארג, קליידונג, און האוזינג אויף א יערליכע באזיס. לעבנס קאסטן צופאסונג (COLA'ס) זענען באזירט אויף די יערליכע ענדערונגען אין די CPI-U.

**עלטערן מיט זארגרעכט (CP):** עלטערן, קרוב, אדער גארדיען וואס וואוינט מיט און איז דער הויפט קעיר נעמער פונעם קינד אדער קינדער.

**זארגרעכט:** לעגאלע באשלוס וואס באשטימט מיט וועמען דאס קינד וועט וואוינען: די מוטער, פאטער, אדער אן אנדערע ערוואקסענע.

## D

**באפעל:** געזעצליכע באשלוס פון א געריכט.

**אויטאמאטיש באפעל:** טשיילד סופארט באפעל וואס ווערט ארויסגעגעבן ווען די עלטערן אן זארגרעכט פארפעלט צו צושטעלן גענוג אינפארמאציע אדער פארפעלט צו ערשיינען אין געריכט, און עס ווערט אויפגעווייזן באוויז פון באקומען דאס איינלאדנונג.

**דעלינקווענסי:** א סומע געלט שולדיג אויף א טשיילד סופארט קעיס אבער נישט באצאלט.

**דעפענדענט:**א קינד וואס איז אונטער די קעיר פון א צווייטן. מערסטנס קינדער וועלכע זענען בארעכטיגט פאר טשיילד סופארט זענען דעפענדענטס.

**דירעקטע באצאלונג באפעל:**טשיילד סופארט באפעל וואס זאל באצאלט ווערן פון די עלטערן אן זארגרעכט דירעקט פאר די עלטערן מיט זארגרעכט.

**פארטיילונג:** דאס באצאלונג פון געזאמלטע טשיילד סופארט געלטער פאר עלטערן מיט זארגרעכט אדער פאר דער סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט אויב דער קליענט באקומט קעש הילף.



**אפווארפן אן נגיעות:** פעטיציע ווערט יעצט אפגעווארפן אבער קען נאכאמאל אויפגענומען ווערן אין געריכט אויף א שפעטערע דאטום. צום ביישפיל, עס איז נישט דא קיין איינלאדנונג סערוויס.

**אפווארפן מיט נגיעות:** די פאקטן פון א פעטיציע ווערן געפינען נישט צו האבן קיין גרונט און דער קעיס ווערט גענצליך ארויסגעווארפן פון געריכט. צום ביישפיל: DNA ווייזט אויף אז דער רעספאנדענט איז נישט דער ביאלאגישע עלטערן.

**נוצבארע איינקונפט:** סומע פון איינקונפט פארבליבן נאכ'ן אראפנעמען שטייערן, Medicare, FICA און פענציע פלאן באצאלונג אראפרעכענונגען.

**DNA טעסט:** אנאליזן פון גע'ירש'נטע פאקטארן צו באשטימען אויב א געוויסע מענטש איז דאס קינד'ס עלטערן; DNA ביישפילן ווערן גענומען פון אינעווייניג פון די באקן פונעם פאטער, מוטער און קינד נוצנדיג א ספעציעל געמאכטע שטעקן.

**דאקעט נומער:** נומער באשטימט דורכ'ן געריכט צו אידענטיפיצירן דעם קעיס.

## E

**עלעקטראנישע בענעפיטן טראנספער (EBT):** מיטל דורך וואס די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (OTDA) שיקט קעש און SNAP בענעפיטן צו ערהאלטער. צוטריט צו בענעפיטן גייט דורך אן ID קארטל און PIN.

**זעלבסטשטענדיג:** א קינד וואס וואוינט נישט מיט זיין אדער איר עלטערן און האט א קוואל פון איינקונפט, אדער איז אין די מיליטער, אדער פארהייראט.

**ענפארסירונג:** נוצן מיטלען צו באקומען באצאלונג פון א קינד אדער מעדיצינישע הילף פאראנטווארטליכקייט אויסגערעכנט אין א טשיילד סופארט באפעל. ביישפילן פון מיטלען נעמען אריין צונעמען פארמעגנס, סוספענדירן דרייווער'ס לייסענס, אפזאגן אן U.S. פאספארט, א.ד.ג.

**פעסטשטעלונג:** פראצעדור פון אויפווייזן עלטערנשאפט און/אדער באקומען א געריכט באפעל צו אוועקשטעלן א טשיילד סופארט באפעל.

## F

**פאמיליע געריכט סופארט סערוויסעס (FCSS):** אן אפטיילונג פון OCSS וואס געבט זיך אפ מיט ארייננעמען לאקאלע נישט-קעש הילף טשיילד סופארט קעיסעס.

**פאמיליע סופארט אקט:** געזעץ איינגעפירט אין 1988 וואס פאדערט אז מען זאל גלייך צוריקהאלטן געהאלט אין טשיילד סופארט באפעלן און פאדערט פון סטעיט צו נוצן אנווייזונגען צו באשטימען די סומע פון סופארט פאר יעדע פאמיליע.

**פעדעראלע עלטערן טרעפן סערוויס (FPLS):** נאציאנעלע לאקאציע קאמפיוטער נעטווארק סערוויס וואס העלפט סטעיטס טרעפן עלטערן אן זארגרעכטן דורך צופאסן אינפארמאציע; FPLS קען צושטעלן אינפארמאציע וואס איז בייהילפיג צו פעסטשטעלן זארגרעכט, עלטערנשאפט, און טשיילד סופארט און פאר אדאפטירונג און פאסטער קעיר פראגעס.

**פינאנציעלע אויפדעקונג אפידאוויט:** דאקומענט וואס ווערט געגעבן צו ביידע צדדים אין א טשיילד סופארט קעיס, וואס פארלאנגט דעטאלירטע פינאנציעלע, געהאלט, און אויסגאבע אינפארמאציע; גענוצט דורך דעם געריכט צו באשטימען טשיילד סופארט, מעדיצינישע הילף, טשיילד קעיר, און אנדערע טיילן פונעם טשיילד סופארט באפעל.

**געפינסן פון פאקט:** קאמענטארן און רעכענונגען גענוצט דורך דער סופארט מאגיסטראט ביים אוועקשטעלן א טשיילד סופארט באפעל.

## G

**אפשניט:** לעגאלע פארהאנדלונג אין וואס טייל פון א מענטש'ס געהאלט און/אדער פארמעגן ווערט צוריקגעהאלטן צו באצאלן א חוב אזויווי טשיילד סופארט.

**גוטע סיבה:** לעגאלע סיבה פאר וואס א קעש הילף איינגעבער אדער ערהאלטער ווערט אויסגעשלאסן פון דארפן מיטארבעטן מיט טשיילד סופארט.

## H

**הירינג:** לעגאלע פארהאנדלונג וואס קומט פאר פארנט פון א ריכטער. דער ריכטער ביי א טשיילד סופארט הירינג ווערט אנגערופן א סופארט מאגיסטראט.

## I

**איינקונפט:** סיי וועלכע געוועגליכע פארעם פון באצאלונג פאר אן אינדיווידועל, אפגעזען פון קוואל, אריינגערעכנט געהאלט, קאמישאנס, באנוסעס, ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס, ארבעטער'ס פארגוטיגונג, דיסאביליטי, פענציע, אדער אינטערעסט. קעש הילף און SSI בענעפיטן ווערן נישט גערעכנט אלס איינקונפט.

**איינקונפט צוריקהאלטונג באפעל (IWO):** אדמיניסטראטיווע פראצעדור אין וואס אן עלטערן אן זארגרעכט'ס טשיילד סופארט באצאלונגען ווערן אראפגערעכנט דירעקט פון זיין אדער איר געהאלט אדער אנדערע איינקונפט און ווערט געשיקט צום טשיילד סופארט זאמלונג איינהייט. קען אויך ווערן אנגערופן געהאלט צוריקהאלטונג, אפשניט, אדער פעיראל אראפרעכענונגען.

**אפשטעל:** מיטל פון פארזיכערן טשיילד סופארט דורך נעמען א טייל פון נישט-געהאלט באצאלונגען געמאכט צו אן עלטערן אן זארגרעכט. נישט-געהאלט באצאלונגען וועלכע קענען ווערן אפגעשטעלט נעמען אריין שטייער ריפאנדס און לאטערי געווינסן.



**אינטערסטעיט קעיסעס:** קעיסעס אין וואס דאס דעפענדענט קינד און עלטערן אן זארגרעכט וואוינען אין אנדערע סטעיטס און ווען צוויי סטעיטס זענען פארמישט אין אביסל פון די טשיילד סופארט קעיס אקטיוויטעטן, אזויווי אוועקשטעלונג אדער ענפארסירונג.

## J

**ארבעט צענטער:** איינטריט פונקטן פאר מענטשן וועלכע זוכן קעש הילף. שטעלט צו אויפן-פלאץ צוטריט צו זוכן ארבעט, טרעענירונג, און פלאצירונג און בענעפיטן אזויווי Medicaid און SNAP, אדער פוד סטעמפס. OCSS באקומט רעפערעלס פון ארבעט צענטערן פאר קליענטן וואס זענען פארלאנגט צו מיטארבעטן מיט די טשיילד סופארט פראגראם.

**אורטייל:** אפיציעלע באשלוס אדער געפינסן פון א ריכטער אדער סופארט מאגיסטראט.

**יוריסדיקציע:** די לעגאלע באפולמעכטיגונג וואס א געריכט אדער אדמיניסטראטיווע אגענטור האט איבער געוויסע מענטשן און איבער געוויסע סארט קעיסעס, געווענליך אין א געוויסע געאגראפישע ארט.

## L

**לעגאלער פאטער:** מענטש וואס איז אנערקענט דורכ'ן געזעץ אלס דער מאן-עלטערן פון א קינד. צו ווערן אנערקענט אלס די לעגאלע פאטער, מוז עלטערנשאפט ווערן פעסטגעשטעלט אויב די עלטערן זענען נישט פארהייראט איינער צום צווייטן.

**ליען:** קלעים אויף פראפערטי צו פארמיידן פון עס פארקויפן אדער איבערגעבן ביז א חוב ווערט באצאלט.

**טרעפן:** פראצעדור אין וואס די עלטערן אן זארגרעכט ווערט געפונען פאר'ן ציל פון פעסטשטעלן עלטערנשאפט און באשטימען און/אדער ענפארסירן א טשיילד סופארט פאראנטווארטליכקייט.

**לאנגע ארעם יוריסדיקציע**: לעגאלע צוגאבע וואס געבט ערלויבעניש פאר איין סטעיט צו קלעימ'ען פערזענליכע יוריסדיקציע איבער איינער וואס וואוינט אין אן אנדערע סטעיט.

**לאטערי אפשטעל:** פראצעדור דורך וואס אן עלטערן אן זארגרעכט'ס לאטערי געווינסן ווערן געשיקט צום אפיס פון טשיילד סופארט ענפארסירונג צו צופרידנשטעלן אלטע סופארט פאראנטווארליכקייטן.

## M

**בלויז מעדיצינישע הילף (MAO), אדער MEDICAID:** סארט פובליק הילף וואס שטעלט צו בענעפיטן פאר ערהאלטער בלויז אינעם פארעם פון מעדיצינישע, אנשטאט פינאנציעלע, הילף.

**מעדיציניש הילף:** לעגאלע צוגאבע פאר מעדיצינישע דעקונג צו ווערן אריינגערעכנט אין א טשיילד סופארט באפעל.

**טויש פעטיציע:** פארמאלע געשריבענע אפליקאציע פאר א געריכט וואס בעט א טויש אין אן אנגייענדע טשיילד סופארט באפעל.

**געלט אורטייל:** ספעציפישע סומע פון חובות באשטימט דורך דער סופארט מאגיסטראט אין א פארמאלע אורטייל, וואס זאמלט 9% אינטערעסט א יאר. א געלט אורטייל קען ווערן איינגעגעבן מיט די קאונטי קלערק'ס אפיס.

## N

**נאציאנעלע מעדיציניש הילף מעלדונג (NMSN):** מעלדונג געשיקט צו די עלטערן אן זארגערעכט'ס ארבעטסגעבער וואס פארלאנגט אז העלט אינשורענס דעקונג זאל ווערן צוגעשטעלט ווען אוועילעבל.

**נייע ארבעטער באריכטונג:** פראגראם וואס פאדערט אלע ארבעטסגעבער צו באריכטן נייע אויפגענומענע ארבעטערס צו די ניו יארק סטעיט דירעקטארי פון נייע ארבעטערס פאר מעגליכע ענפארסירונג פון טשיילד סופארט און מעדיציניש הילף פאראנטווארטליכקייטן דורך געהאלט אראפרעכענונגען.

**עלטערן אן זארגערעכט (NCP):** עלטערן וועלכע וואוינט נישט מיט און איז נישט דער הויפט קעיר נעמער פון א מינדעריעריגע קינד.

**נאטעריזירן:** צו באשטעטיגן עפעס, צום ביישפיל אן אונטערשריפט, אויף א לעגאלע דאקומענט אלס אוטענטיש אדער לעגיטים, דורך ארויפלייגן א זיגל און אונטערשריפט.

**NUNC PRO TUNC:** לאטייניש פאר "יעצט פאר דעמאלץ" - עס רעדט זיך וועגן א טויש פונעם דאטום פון א באפעל, אורטייל, אדער איינגעבונג פון א דאקומענט, צוריק צו א פריערדיגע דאטום.

## O

**קעגנשטעלונג:** געשריבענע קלאגע אז מען איז נישט איינשטימיג מיט געוויסע פונקטן פון א באפעל. מוז ווערן איינגעגעבן אינערהאלב 30 טעג פון ווען מען באקומט דעם באפעל.

**פאראנטווארטליכקייט סומע:** די סומע פון טשיילד סופארט וואס די עלטערן אן זארגערעכט איז געפאדערט צו באצאלן.

**אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס:** אפטיילונג פון די יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע פאראנטווארטליך צו באקומען און ענפארסירן טשיילד סופארט באפעלן פאר פאמיליעס וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי.



**באפעל:** געשריבענע און אונטערגעשריבענע אנווייזונג פון א סופארט מאגיסטראט אדער ריכטער.

**באפעל אויף פעטערשאפט:** געריכט באפעל וואס באשטימט א לעגאלע פאטער.

**באפעל פון שיצונג:** געריכט באפעל וואס פארבאט פארבינדונג/קאמיוניקאציע צווישן איין צד און דעם צווייטן צד.

**באפעל אויף צושטימונג:** באפעל צוגעשטימט דורך ביידע צדדים אין א שריט. ביי א טשיילד סופארט הירינג, קענען די עלטערן צושטימען צו א באפעל סומע וואס איז אנדערש ווי די טשיילד סופארט שטיצע סטאנדארטן אקט אנווייזונגען.

## P

**עלטערן טרעפן סערוויסעס:** קאמפיוטער נעטווארק פון סטעיט דעטעבעיסעס גענוצט צו טרעפן רעספאנדענטס אין טשיילד סופארט קעיסעס.

**צד:** מענטש אדער ארגאניזאציע דירעקט פארמישט אין א לעגאלע ענין.

**דורכגאנג באצאלונג:** קעש הילף ערהאלטער מיט טשיילד סופארט באפעלן קענען באקומען ביז $100 א מאנאט ($200 פאר צוויי אדער מער קינדער וועלכע באקומען טשיילד סופארט) פון די געזאמלטע סופארט אין די זעלבע מאנאט וואס עס איז שולדיג; אויך אנגערופן באנוס באצאלונג.

**פאטערשאפט אדער עלטערנשאפט:** לעגאלע פעסטשטעלונג פון פאטערשאפט. פאטערשאפט אדער עלטערנשאפט מוז ווערן באשטעטיגט איידער טשיילד סופארט אדער מעדיציניש הילף קען ווערן באפוילן.

**פאטערשאפט (אדער עלטערנשאפט) פעטיציע:** פארמאלע שריפטליכע אפליקאציע צו א געריכט וואס בעט געזעצליכע שריט צו באשטימען לעגאלע פאטערשאפט פון א געוויסע מענטש פאר א געוויסע קינד.

**באצאלטער:** מענטש אדער ארגאניזאציע אין וועמענס נאמען טשיילד סופארט ווערט באצאלט צ.ב., דאס קינד'ס באבע.

**באצאלער:** מענטש וואס מאכט א באצאלונג, געוועגליך אן עלטערן אן זארגערעכט אדער איינער וואס טוט עס פאר אים אדער איר. אויך באקאנט אלס דער אבליידזשער (obliger).

**פעטיציע:** פארמאלע געשריבענע פארלאנג צו א געריכט צו אנהויבן א געריכט שריט.

**פעטיציאנער:** מענטש אדער ארגאניזאציע וואס געבט אריין א פארמאלע פארלאנג צו אנהויבן א געריכט שריט.

**PIN (פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער):** אייגנארטיגע אידענטיפיקאציע נומער באשטימט פאר קליענטן צו באקומען צוטריט צו זייער טשיילד סופארט אקאונט אינפארמאציע פון די ניו יארק סטעיט טשיילד סופארט וועבזייטל (childsupport.ny.gov) און הילף ליניע (888-208-4485).

**ארימקייט שטאפל:** שטאפל פון איינקונפט גערעכנט אלס צו נידריג צו קענען איינקויפן לעבנס געברויכן לויט די פעדעראלע רעגירונג. די 2021 ארימקייט שטאפל פאר איין מענטש איז $12,880. פאר יעדע צוגעלייגטע מענטש אינעם פאמיליע, לייגט מען צו $4,540. די ארימקייט אנווייזונגען ווערן ארויסגעגעבן יעדע יאר דורך די אמעריקאנער העלט דעפארטמענט און יומען סערוויסעס אויף aspe.hhs.gov/poverty-guidelines.

**פראפערטי אויספיר (PEX):** אדמיניסטראטיווע פראצעדור אין וואס OCSS נעמט צו די פינאנציעלע פארמעגנס, געווענליך באנק אקאונטס, פון אן עלטערן אן זארגרעכט וואס איז אונטערשטעליג מיט באצאלן טשיילד סופארט.

**אויס רעכענונג טייל:** דער טייל פון די סך הכל וואס ביידע עלטערן דארפן באצאלן פאר זאכן אריינגערעכנט אינעם טשיילד סופארט באפעל אזוויי טשיילד קעיר אדער נישט צוריקבאצאלטע מעדיצינישע קאסטן.

**PRO SE:** לאטייניש וואס מיינט 'פאר זיך אליין'; איינער וואס טרעט זיך אליינס פאר אין געריכט אן אן אדוואקאט.

**פיוטעיטיוו פאטער רעגיסטרי (PFR):** רעקארד פון פאטערס געהאלטן דורך ניו יארק סטעיט. ביישפילן פון דאקומענטן געהאלטן אינעם PFR זענען אנערקענונגען פון עלטערנשאפט (AOP'ס), געריכט באפעלן וועלכע באשטימען עלטערנשאפט, און אומלעגאלע בינדנדע דערקלערונגען איבער פאטערשאפט אדער עלטערנשאפט. מען קען זיך דורכרעדן מיטן PFR איבער פראגעס פון ירושה, אדאפטירונג, און סיי וועלכע אנדערע לעגאלע פראבלעמען וועלכע פאדערן צו מעלדן פאר'ן קינד'ס פאטער.

## R

**ערהאלטער:** מענטש אדער ארגאניזאציע וואס באקומט סופארט געלטער און/אדער פובליק הילף בענעפיטן, אריינגערעכנט קעש הילף, SNAP, Medicaid, א.ד.ג.

**צוריקצאלנד:** באציאונגען אין וואס איין סטעיט אדער לאנד שענקט געוויסע רעכטן פאר אנדערע סטעיטס אדער לענדער בתנאי אז זיי באקומען די זעלבע רעכטן.

**הילף:** לעגאלע לעזונג.

**רעספאנדענט:** מענטש וואס ענטפערט א פעטיציע; דאס איז דער צד וואס מען געבט זיך איין קעגן פאר הילף.

**צוריקגייענדע סופארט:** טשיילד סופארט וואס איז באפוילן צו ווערן באצאלט אויף צוריק צו א פריערדיגע דאטום, געווענליך דעם דאטום ווען די פעטיציע איז אריינגעגעבן געווארן. צוריקגייענדע סופארט עפנט א חוב גלייך אויפ'ן פלאץ.



## S

**סאנקציע:** שטראף פאר פארלעצן אדער פאר פארפעלן מיטצואוארבעטן. ביי OCSS, מיינט דאס א פארמינערונג פון בענעפיטן געשטעלט אויף א קעש הילף קליענט פאר'ן נישט מיטארבעטן מיט טשיילד סופארט פאדערונגען.

**זעלבסט-סופארט רעזערוו:** איינצלהייט ביים רעכענען טשיילד סופארט אין ניו יארק סטעיט ווען איינער פון די עלטערן שטייט אויף אדער אונטער די ארימקייט שטאפל; די זעלבסט-סופארט רעזערוו איז 135% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל. די זעלבסט-סופארט רעזערוו פאר 2021 איז $17,388.

**STEP (שטיצע דורך ארבעטס פראגראם):** שטעלט צו ארבעט טרעינירונג און פלאצירונג פאר די עלטערן אן זארגרעכט וועלכע קענען נישט באצאלן טשיילד סופארט צוליב ארבעטסלאזיגקייט אדער שוואך-באצאלטע ארבעט. רעפערעלס צו STEP קענען געמאכט ווערן ביי די טשיילד סופארט הירינג.

**באדינגונג:** געשריבענע אפמאך צווישן צדדים אויף קעגנשטעלנדע זייטן פון א קעיס.

**איינלאדונג:** מעלדונג וואס דערקלערט אז שריט קעגן אן ערהאלטער איז אונטערגענומען געווארן. אן איינלאדונג פאר א טשיילד סופארט הירינג וועט זאגן פאר די עלטערן וואו און ווען צו ערשיינען, און וועלכע אינפארמאציע צו ברענגען.

**סופארט זאמלונג איינהייט (SCU):** אפטיילונג פונעם אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס פאראנטווארטליך צו זאמלען, נאכקוקן, און פארטיילן טשיילד סופארט באצאלונגען.

**סופארט מאגיסטראט:** אדוואקאט באשטימט דורך די לאקאלע פאמיליע געריכט וואס קען הערן באוויזן און מאכן באשלוסן אין טשיילד סופארט קעיסעס.

**סופארט באפעל:** באפעל ארויסגעגעבן דורך די געריכט וואס שטעלט אוועק טשיילד סופארט פאראנטווארטליכקייטן. סופארט באפעלן קענען זיין צייטווייליג אדער ענדגילטיג און אויסגעשטעלט צו טוישונגען. סופארט באפעלן קענען אריינעמען אין זיך געלט און מעדיצינישע הילף, טשיילד קעיר, עדיוקעישאן קאסטן, און באצאלונג פון חובות, אינטרעסט, שטראף געלט, און אנדערע סארטן הילף.

## T

**שטייער ריפאנד אפשניט:** פראצעדור אין וואס אן עלטערן אן זארגרעכט'ס פעדעראלע אדער סטעיט שטייער ריפאנדס ווערן גענומען צו באצאלן א טשיילד סופארט חוב.

**אפשטעלן א באפעל:** אפשטעלן אן אנגייענדע פאראנטווארטליכקייט; צושטעלן א גילטיגע ענדע דאטום פון א טשיילד סופארט באפעל. חובות מוזן נאכאלץ ווערן אויסגעצאלט.



## U

**UIFSA (יוניפארם אינטערסטעיט פאמיליע סופארט אקט):**פעדעראלע געזעץ איינגעפירט אין 1996 צו פארגרינגערן דעם פראצעדור פון באקומען טשיילד סופארט באצאלונגען אריבער סטעיט גרעניצן. עס פאדערט פון סטעיטס צו מיטארבעטן איינער מיטן צווייטן צו באקומען און ענפארסירן טשיילד סופארט באפעלן; עס ערלויבט סטעיטס צו איינפירן דאס צוריקהאלטונג פון דירעקטע איינקונפט מיט ארבעטסגעבערס פון אנדערע סטעיטס; פארמיידט מערערע טשיילד סופארט באפעלן פון ווערן ארויסגעגעבן פאר די זעלבע קעיס אין אנדערע סטעיטס.

## V

**צוריקציען א באפעל:** באזייטיגן א פריערדיגע באפעל, אזוי ווי עס האט קיינמאל נישט עקזיסטירט.

## W

**געהאלט צוריקהאלטונג:** אוטאמאטישע אראפרעכענונג פון איינקונפט וואס הויבט זיך אן ווי נאר אן איינקונפט אויספיר מעלדונג ווערט געשיקט צו אן ארבעטסגעבער.

**בייזוויליג נישט באצאלן:** די עלטערן אן זארגרעכט פאלט בייזוויליג אדורך מיט באצאלן געריכט-באפוילענע טשיילד סופארט כאטש ער אדער זי קען זיך עס ערלויבן.

Human Resources Administration
Department of Social Services

@NYCHRA NYCHRA NYCHRA

BK-4 (Y)
Rev. 10/2024

© Copyright 2024. די סיטי פון ניו יארק, יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע/דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס.
פאר ערלויבעניש צו איבערמאכן אלע אדער א טייל פון די מאטריאל פארבינדט זיך מיט די ניו יארק סיטי יומען
רעסאורסעס אדמיניסטראציע.